STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02844

# YAAKOV FRANK

## Aaron Zeitlin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Nancy Schneider-Wysong,*
*and Rick, Rebecca and Katie Wysong*
*in memory of Samuel Schneider*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן צייטלין

# יעקב פראַנק

דראַמע אין זעקס בילדער

ווילנע — 1929
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

A. Cejtlin — „Jakow Frank"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

# פאָרבאַמערקונגען.

די דראַמע איז געבויט אויף געשיכטלעכע מאַטעריאַלן, אָבער נישט אין איין פּרט האָב איך דאָס געשיכטלעכע באַוואוסטזיניק געענדערט אָדער אויסגעמיטן. איך בעט דאָס צו געדענקען.

דער פראַנק פון מיין דראַמע ווייכט שטאַרק אָב פון דער אַלגעמיינער פאָרשטעלונג וועגן אים. איך האָב זיין געשטאַלט קאָנסט-רואירט פון שבתי-צביענטום אַרויס. די, וואָס זעען אין פראַנקן נישט מער ווי אַ שווינדלער, זענען אפשר קענערס פון געשיכטלעכע דאַטעס, אָבער דורכאויס נישט קיין קענערס פון יענער טראַגישער סעקטאַנטיש-יידישער מיסטיק, וואָס האָט צוערשט געבוירן אַ שבתי-צבי און דערנאָך אים געגעבן אַ יורש און אַ קאָנטינואַטאָר אין פראַנקן.

אין פראַנקס האַלב-באַטישער לערע האָב איך, צוליב מאָטיוון ריין-קינסטלערישע, געמאַכט געוויסע דערגאַנצונגען און אויספילונגען. אַזוי, למשל, האָב איך צו זיין פאָרשטעלונג וועגן דעם „גרויסן ברודער״ (קאָמענטירט אַלס דער מיוול) צוגעגעבן — די „גרויסע שוועסטער״. דאָס איז אַ דערגאַנצונג, אָבער נישט קיין ווילקירליכע: זי איז דורכאויס אין גייסט פון פראַנקיזם.

מאַליוודאַ-קאָסאַקאָווסקי — אַ טונקעלע, אָבער היסטאָריש פעסט-געשטעלטע פיגור, האָט געשפילט אינם פראַנקיזם אַ צווייטיקע ראָליע.

דער בעש״ט און פראַנק טרעפן זיך אין גערהאַנגל. עס איז נישט נאָר דער היסטאָריש-יידישער צוזאַמענטרעף און צוזאַמענשטויס צווישן חסידות און פראַנקיזם — סאיז אויך דער אַלגעמיין-מענטשלעכער צוזאַמענ-שטויס צווישן דעם אייביקן גאָט-זוכער (פראַנק) און דעם אייביקן גאָט-געפינער (בעש״ט), צווישן דעם, וואָס זוכט צו דער געהיימניש הינטער-וועגן, און דעם, וואָס האַלט אין זיין פשטות די געהיימניש צווישן די פינגער.

פאַר דער סצענע וועט דאָס צווייטע בילד מוזן געטיילט ווערן אויף צוויי. ליטעראַריש האָב איך עס נישט געפונען פאַר נויטיק צו טיילן.

**א. צ.**

# די געשטאַלטן

יעקב-יוסף פראַנק
אוראַטשאַ — זיין טאָכטער
מאַליוודאַ
דער אַלטער אלישע
יאָזעף דער צווייטער
פירשט פאָן-קאַוניץ
גרויספירשט
ישׂראל בעש"ט
זיין ווייב
דער נסתּר, אַ באַהאַלטענער העלפער דעם בעל-שם, אַרואה-ואינו-נראה
שבתי צבי
שׂרה — זיין ווייב
נתן העזתי
אברהם היכיני
שמואל פרימו
נחמיה חיון

אַ המון — שבתי-צביניקעס
אַ המון — פראַנקיסטן
דער לץ
ירוחם
פראַנצישעק
גולמל
דער שליח
נערות
בעלי-קבין
אַ בעל-קב — אויף שטאָלצן
דריי קאָנפעדעראַטן — מאַליוודאַס יונגען
פראַנקיסטן אולאַנער
שענקער
שענקערין
זעלנערס
אַ מויד

צייט — אין אַכצענטן יאָרהונדערט.

# דאָס ערשטע בילד.

רויטע דעמערונג איבער די קאַרפּאַטן.
פאַר דער טיר פון אַ הייל אין די קאַרפּאַטן-בערג — דער בעש"ט
מיט זיין ווייב.

דאָס ווייב: די זון פאַרגייט. צייט שלאָפן גיין. ישראל, שלאָפן גיין. דאַוון אָפּ מעריב — און לאָמיר אַריין אין דער הייל.

בעש"ט: אַגאַנצן טאָג זיך אָנגעהאָרעוועט, ליים געגראָבן. ליים. אַ ליימענער טאָג. און דו, אָרעמע אשה, מיטן וועגעלע ליים ביסטו געפאָרן איבער דערפער. געהערט אַביסל, ווי זי האָט דאָס אַגאַנצן טאָג געזונגען?

דאָס ווייב: ווער, ישראל? איך — געזונגען?

בעש"ט (שמייכלט) די זון. זי האָט אָפּגעזונגען. איצט פליט די אַוועק.

דאָס ווייב (טוליעט זיך צו אים): קאַלט, ישראל. קאַלט איז אין די בערג, ישראל. און פאַרוואָס וואוינען מיר אין די בערג, ישראל? מיר קאָנען נישט וואוינען אין אַ שטעטל, ווי אַלע יידן? וואָס?... — שאָטענער קריכן... פון אַלע זייטן... דאָרט, זעסט? שאָטענער מיט פּנימער... קום, ישראל. כהאָב מורא, ישראל, מירן פאַרקריכן אין הייל אַריין.

בעש"ט: שרעק דיך נישט. קינד מיינס. די בעסטע צייט אַצינד. אַטאָג זיך אָנגעהאָרעוועט — איז דאָס באַצאָלט פאַר דער האָרעוואַניע מיט דער מי סביסל איינקוקן זיך. לאָז קוקן, אשה. די לופט איז ריין.

דאָס ווייב: אָבער איך פאָרכט מיך. איך האָב גרויס פאָרכט, ישראל. וואָס קוקסטו אַזוי?

בעש״ט: מורא! מורא! שייך מורא האָבן? לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ.

דאָס ווייב׃ (ציטערט) וואָס גייסטו טון, ישראל? איך וועל שרייען! אוי!

בעש״ט: (רויק) שלאָף איין.

דאָס ווייב: סאיז מיר שווער דער קאָפּ. האָסט אויף מיר אַ באַרג אַרויפגעלייגט. האָסט אויף מיר אַ שלאָף אָנגעוואָרפן, ישראל. (שלאָפט איין. בעש״ט שמייכלט צו זיך. פּיפּקעט פויעריש פון דער ליולקע)

(שאָקלט זיך. באָרד און קאַשקעט באַוועגן זיך פּאַמעלעך, ווי גראָז אויפן ווינט. ער קוקט, ווי אַ העלפט פון קעגנאיבערדיקן באַרג איז אָנגעטון אין ברענענדיק גאָלד און ווי די צווייטע העלפט ווערט אַלץ שוואַרצער... אין דער אומגעהייערער שטילקייט הערן זיך בת־קול׳ס, וואָס קומען און פאַרגייען, ווי אונטער דער ערד. זילבערנע גלעקלעך פון אַ פערד־געשפּאַן קלינגען ראַפּטום אויף, לאַכן־אָפּ אַ זילבערן געלעכטערל און ווידער ווערט שטיל. פאַרציטערט און פאַרזיכטיק צוגלייך, ווי קינדער, וואָס האָבן מורא צו שטעלן אַ פוס אין הייס וואַסער, שלייכן שאָטנס צווישן און איבער די קאַרפּאַטן־בערג — אַרוק פאַרויס און אַ טרעט הינטערווייַלעכץ, אַ שטעל אַ פוס און אַ גיי אויף צוריק. דאָ און דאָרט נעמען זיך ווייזן אומבאַשטימטע שווינדל־פּנימער, ווירבל־פּרצופים, וואָס איילן פאַרביי, פאַרפלעכטן זיך אין רעדער, האַלבע רעדער, מנורות, קוואַדראַטן — און פאַרגייען, האַלב לאַכנדיק, האַלב וויינענדיק. דער בעש״ט זיצט רוהיק פאַר דער הייל, קלאַפּט אָפּ די ליולקע, די פיס אויסגעצויגן פאַר זיך, און קוקט פאַרויס, אין דער לופט אַריין — ווי ער וואָלט מעיין־געווען אין אַ ריזיקן ספר.

אַ רגע האַקט זיך אָפּ דאָס שפּיל פון די פּנימער. די לופט בלייבט הענגען אויסגעליידיקט, קלאָר ווי אַ ים. אַ שטיק פאַרגייענדיקע זון גיט אַ שפּריץ איבער די בערג, פלאַקערט־אויף אַ ווייל, ווי אַ בריליאַנטן־בליצנדיקער קנויט — און דערנאָך ווערט ווידער ווי פריער. די פּנימער און שאָטנס הויבן זיך ווידער אָן צו שאַרן. צוויי ריזיקע, טונקעלע הענט הויבן זיך אויף, ווי פליגלען פון אַ פויגל, גיבן אַ פאַך אויף פיר זייטן און מאַכן צייכנס. גלייך דערנאָך, ווי אויף דעם סיגנאַל פון די צוויי הענט, ווערט אין די בערג אַ גערודער: עס

הערט זיך דאָס ראַשעו פאָרן פון אַ וואָגן. דער אומגעזעענער וואָגן קוילערט ײַ פאַרבײַ אין די בערג, ווי אַ קורצער דונער. עס זעען זיך נאָר אָפּער בעתן דורכפאָרן לאַנגע, פאָכעדיקע לײַצעס, וואָס פאַרשווינדן אין די בערג, און סהערן זיך אַרויס געלעכטערלעך מיט גרילציקע מיאוקרייצן פון די אָורענס־לֵצים, וואָס פאָרן דרינען׳ אין וואָגן, אומגעזעען).

ב ע ש ״ ט : (שאָקלט מיטן קאָפּ) חברה קונדסים הויבט זיך שוין אָן נאַריש צו מאַכן. אוי, איר חברהניקעס, פוסטע מײַלער, לײדיקגייערס פרײלעכע! אַמער וואָלט איר אַזוי געהאָרעוועט, ווי איך. אַ טאָג זיך אָנגעפּראַצעוועט. אַ מערכה, איר טוט גאָרנישט! כלעבן, אייך איז וואויל, איר קונדסימלעך, סטרא־אחראניקעס קליינע, בערעלעך־וואָרפּערס! איר פאָרט זיך אַרום, ווי די כראַביע־פּאָטאָצקעס. און איך, פאַרשטייט איר מיך, בין מיר אַנ׳אָרעם מענטש. קודי!... נישט פאַר ישראלן! אונזערס אַ מענטש, פאַר־שטייט איר, פּראַצעוועט זיך אָן — קאָן ער מיט אַ גליד נישט רירן. זיצט און קוקט.

(צווישן די צולם־התוהו־שאָטנס איבער די קאַרפּאַטן טיילט זיך ביסלעכ־ווייז אויס אַ לעבעדיקע פיגור פון אַ מענטש. גייט אָנגעטון ווי אַ בעטלער. אַ זאַק פאַרוואָרפן איבער די פּלייצעס, אַ שטאָק. שטייגט אַראָפּ פון די קעגנ־איבערדיקע בערג צום בעל־שם. עס זעט אויס, ווי די זון וואָלט אים אָפּגעגע־שיקט פון הינטערן באַרג).

ב ע ש ״ ט : (זעט אים אַראָפּשטייגן, פרײלעך) אַ גוטן אָוונט דיר, לײבל! זע־נאָר, ביסט דאָך עפּעס קוים מיט צרות געקומען!

ד ע ר נ ס ת ר : אַ גוטן אָוונט, אַ גוטן אָוונט! חברה האָט פאַרשטעלט נ׳וועג (וואַרפט אַראָפּ דעם זאַק, לייגט אַוועק דעם שטאָק און זעצט זיך צו צום בעל־שם).

ב ע ש ״ ט : (באַטראַכט אים) אַזוי... אַזוי... חברה חיצונים האָט אַ ביסל דעם וועג פאַרשטעלט. נו, איז וואָס? מעגן שטיפן. נעבעך אַ רחמנות. לײדיק־גייערס! זאָלן זיי אַ ביסל הנאה האָבן. דאָס ביסעלע שמחה, לײבל. קאַטאָוועסניקעס. ורַחמָיו על כל מעשיו. (פויזע) איצט זאָג מיר אָקאָרשט, לײבל, וואָס איך וועל דיך פרעגן: געווען מלאכה דעם טאָג?

ד ע ר נ ס ת ר : אַוודאי געווען! דאָ געהאַנדלט

כתורה אויפן יאַריד, דאָ צום משוגענעם פּריץ אין פּאַלאַץ אַוועק, דאָ גאָר צו שבתי־צביניקעס זיך אַוועקגעשלעפּט... זיך אין מיטן טאָג פאַרשפאַרט מיט ווייבער... גילוי־עריות... טאַנצן מיט וואַקסענע ליכט אין די הענט... הוילע ווייבער שפּרינגען, וואַרפן זיך... פּיס, האָר, הענט — אַלץ אין דער הויך!

בעש״ט: (לאַכט)

דער נסתר: מיטן פּריץ שוין געווען סגרינגסטע... מיט אים גראָד נישט לאַנג איינגעטענהט. יאָגסט אַרויס — מאַך איך — מאַשקען פון קרעטשמע ארויס, גייסט אים בדיל־הדל שטעלן, זיי־זשע וויסן, אדוני־פּריץ, אַז כך־וכך...

בעש״ט: און דאָס יאַרידל? עפּעס געלייזט?

דער נסתר: סיאַרידל? נישט צום פאַרזינדיקן. מצוות איינגעהאַנדלט. נשמהלעך. (פאַרקלערט) שטיי איך אין געוועלבל, וואָס איך האָב מיר געדונגען, און קוק אויס קונים. אַ געפּילדער — ווייבער אין פּאַטשיילעס מאַכן נדבות פאַר אָרעמע כלות, נעבעך — אַ ייד שלעפּט אַ קו פאַר די הערנער — אַ מלמדל קומט מיט אַ ציג — אַ בער טוט טאַנצן ביי אַ ציגיינער — קונצנמאַכער'ס — פּויערים־לעך אין סערמעגעס... אַ מערכה, די וועלט האָוועט. קיינער זעט נישט, אַז ר' לייבס קלייטל איז פּוסט... הוילע פּאָליצעס... לייט גייען פאַרביי און שמעקן נישט אַריין... זעען נישט — נישט דאָס קלייטל, נישט מיך... וואַרט איך טאַקע אויף דעם רעכטן קונה, עס זאָל עפּעס איצטער פאַרביילויפן פון סאַמע געדיכטן עולם־התוהו אַרויס — וועל איך אים שוין אַליין אַריינרופן, דעם קונה, נישט לאָזן מיט ליידיקן, חלילה...

בעש״ט: און געפּאַקט?

דער נסתר: נאָך אָמין!

בעש״ט: אַ קונה אין די יאָרן?

דער נסתר: אַ צוויי טויזנט שָנים! לויפט — דורות!

בעש״ט: אָפּגעשטעלט?

דער נסתר: ביי דער סאַמע פּאָלע אָנגעכאַפּט! וואו לויפט אַ ייד? גאָרנישט! מוז לויפן! האָט קיין צייט נישט... און צוי — דורות... און האָט קיין צייט נישט... אַ מינוט נישט...

קרוע־בלוע, דאַר — אַ האָקן, הענדום־פענדום, די הענט אין דער לופטן — אַ ווינט־מיל! מאַכט עפּעס מיטן מויל... אים דאַכט זיך, אַז ער שרייט! אַ נעכטיקער טאָג — עס ד אַ כ ט זיך אים!

ב ע ש " ט: (מיטפילדיק) און — צעהיצט, לייבל? פאַרשמייעט, נעבעך?

ד ע ר נ ס ת ר: קוים אָפּגעשטעלט! ער מוז — מאַכט ער — לויפן צום פריץ!

ב ע ש " ט: אוי, נשמהלעך! רק געלאָפן, נעבעך, און רק געשווייבלט... עולם־התוהו׳ס געשעפטן! פאַרהאַוועט! און קליפות יאָגן אָן מיט זיי, מען שטעלט זיי אויס אַ צונג — זיי זעען נישט... פערדלעך בלינדע — קיין ברונעם נישט אויפן וועג, קיין קרעטשעם... בייטשן פון הינטן, משוגעתן פון פאָרנט... דרייען זיך ווי מילן אויף אַ באַרג, מאַכן אָן ווינט אויף דער וועלט!

ד ע ר נ ס ת ר: היינט געזען אין א י וו אַ נ י ע אַזאַ מיל...

ב ע ש " ט: און דאָס מעל שוואַרץ — אַ? חושך?

ד ע ר נ ס ת ר: ס״אַ מיל גאָר אַ גרויסע!

ב ע ש " ט: וואו מאָלט זי? ביי די שבתי־צביניקעס?

ד ע ר נ ס ת ר: ביי די שבתי־צביניקעס.

ב ע ש " ט: און דער, וואָס גראָבט דאָרט, גראָבט טיף?

ד ע ר נ ס ת ר: ביז אונטער די וואָרצלען! עס זאָל ווערן כולו־חייב... (אפּאַרציטערטער) כולו־חייב וויל ער...

ב ע ש " ט: אַ מדרגה!

ד ע ר נ ס ת ר: רשעים אין גיהינם מעגן רויט ווערן... וואָס ער צו־טוט אַלץ ביי זיך אין איוואַניע! קינד און קייט — אַלע ביי אים... ווייבער אַנטלויפן פון מענער, קומען אָן אין מיטן נידה צולויפן, די האָר צופלאָשעט, טוען זיך אויס נאַקעט — מען טאַנצט... געוועזן דאָרט... גאָרנישט אויפגעטון... דערזען ספּייער, צוריקגעגאַנגען... סדום ברענט אין איוואַניע!

ב ע ש " ט: אַלץ ער, לייבל! שבתי־צבי, זאָג איך דיר, זיין האַנט! ער רוט נאָך נישט!

ד ע ר נ ס ת ר: דאָס רחמנות אויף די לייט — אין לשער...

בעש״ט: וואַרט, לייבל, מדאַרף אַ פרעג-טאָן ביי אַ״ם צלײַן.

(צלית־נשמה-שטילקייט. בעש״ט מאַכט צו די אויגן, פאַרשטעקט די ליולקע אין גאַרטל, זיצט אומבאַוועגלעך. אין די בערג טונקלט אַלץ מער, אָבער שטיקער זון, ווי שטיקער בלוט, שפּייט אַרויס דער מערב פון צייט צו צייט אין די בערג אַריין. בעש״טס ווײַב כאַפּט זיך אויף, וואַרפט אַ דערשראָקענעם בליק אַרום זיך, לאָזט אַרויס אַ טיפן קרעכץ און דרימלט איין צוריק, ווי אַ פאַר־כשופטע, מיט אַ קרומען שמייכל אויפן פנים. דער נסתר שטעלט זיך אויף. ער בלייבט שטיין אין דער גאַנצער הויך פון זיין גבור-געשטאַלט פאַר די בערג פון קעגנאיבער, האָרכט זיך איין, קוקט פון בעש״ט אויף די קאַרפּאַטן — פון די קאַרפּאַטן צוריק אויפן בעש״ט, און מורמלט שטיל למד-וואָווישע תפילות. הינטער די בערג הויבט זיך ווידער אָן צו באַוועגן... ווייטע אויסרופן, וואָס ווערן אַלץ נענטער).

דער נסתר: אַראָפּברענגען שבתין! אַ קלייניגקייט!

(בעש״ט עפנט צוריק די אויגן)

בעש״ט: קום אַהער. זעץ דיך.

דער נסתר: (גייט צוריק אויף זיין אָרט) ער גייט?

בעש״ט: ער — און די זייניקע.

דער נסתר: זיך געלאָזט?

בעש״ט: מיט צרות... איך קום — חברה טאַנצט... מאַכן נאָך אַלץ די קונצן... און ער — אין טורבאַן... וואָס דאַרפסטו, — זאָגט ער, — מיר זאָלן גיין צו דיר? ביזט געקומען — בלייב-זשע! אלא וואָס? ווילסט פרעגן און צוריק אַוועקגיין — פרעג-זשע און גיי! מאַך איך: ניין, ליבערשט קומט אַריבער צו מיר אַ ביסל. איך האָב מורא, אַז איך בין ביי אייך איין מינוט לענגער — בלייב איך שטעקן... און קיין צייט האָב איך נישט — אַ מענטש אַ פאַרנומענער: דאַרף מאָרגן פרי אויפשטיין, ליים גראָבן...

דער נסתר: (אומגעדולדיק) טאָ וואו איז חברה?

בעש״ט: גייען שוין. געמוזט פאָלגן — אַ ברירה? פאַר־נאַכט איז דאָס ביסל נשמה, וואָס אינם מענטשן, ריין נאָך דעם טאָג האָרעוואַניע. אַז מען איז ריין — טוט מען אַלץ אויף. אומ־ריינע מוזן פאָלגן ריינע. אַז די לופט איז ריין און דאָס ביסל

נשמה איז אויך ריין, קאָן איטליכער זען און הערן. קיין טויט איז דאָך נישט בנמצא, לייבל. ווייסט דאָך. אַלץ איז פאַראַן. מען דאַרף נאָר דערלאַנגען אַ צי צו זיך, אַ רוף — שוין! קומט עס!

(קעגנאיבער, צווישן די פעלזן פון די קאַרפּאַטן, ווייזן זיך געשטאַלטן)

שבתי-צבי (אין אַ טונקעלן דערווישן־מלבוש, ווי גענייט פון גרינע שאָטנס. די הענט אין דער הויך. דער טורבאַן זיינער לייכט מיט אַן אומהיימלעך פאָספאָרישן אָוונט-ליכט. נעבן אים — שרה זיין ווייב. די האָר ווילד צופלאָשעט. באָרוועס. אין איין העמד אויפן לייב. אין די מאָגערע הענט — אַ פּויק. אַרום די ביידע און הינטער זיי — נתן העזתי, אברהם היכיני, שמואל פרימו, נחמיה חיון, אַ גאַנצער המון יובלענדיקע, שרייענדיקע מענער און פרויען. שרה פּויקט — די געשטאַלטן דרייען זיך און טאַנצן מיט געשריי. טייל פאַלן אויף די פּנימער און זאָגן נביאות־מבולבלע, אויף-גיך געשריגענע ווערטער)

בעש״ט: (צום נסתר) איצט, אַז זיי זענען שוין יאָ אין אונדזער מחיצה — מעג מען אַ פרעג-טון (צו שבתי-צבי)

שבתי, הער: מיינסט דאָס נאָך אַלץ אויף אַן אמת?

(צווישן די געשטאַלטן ווערט שטיל, זיי קוקן זיך אום, ווי זיי וואָלטן ערשט דערזען, וואו זיי געפינען זיך. שבתי-צבי ציטערט אויף פון קאָפּ ביז פיס. שרה לאָזט הענגען די פּויק אויפן אָרעם און קוקט-אָן דעם בעש״ט נייגעריק).

בעש״ט: וואָס ענטפערסטו נישט?

שבתי-צבי: (שטיל) דערויף האָסטו מיך גערופן?

בעש״ט: קוק מיר אין די אויגן, שבתי.

שבתי-צבי: וואָס באַגערסטו?

בעש״ט: איך פרעג: מיינסט עס נאָך אַלץ אויף אַן אמת?

(פּויזע, די געשטאַלטן קוקן זיך איבער)

שבתי-צבי: (נאָך אַ לאַנגן שטיל-שווייגן) אויף אַן אמת.

בעש״ט: (קוקט אים שאַרף אָן) מיינסט, סוועט דיר העלפן?

שבתי-צבי: אַז מען קאָן נישט מיט ריינקייט — איז מיט זינד! אַז מען קאָן נישט אויסלייזן מיט מצוות — דאַרף מען נישט די מצוות!

אברהם היכיני: משה האָט איינמאָל צובראָכן

די לוחות — דאַרף מען צוברעכן אַ צווייט מאָל!

נתן העזתי: (מיטן רוקן צום בעש"ט; זינגט אין המון אריין) הענט איר טייערע, קניפּט אויף אַלע באַנדן!

אַלע: (הויבן די הענט) אויפקניפּן! אויפקניפּן!

שרה: זינדיקן!

אַלע: זינדיקן! זינדיקן!

שרה: ביז ער וועט מוזן אויסלייזן!

אַלע: (ווי אַן עכאָ) מוזן! מוזן!

דער נסתר: (קאָן נישט אויסהאַלטן. ער שטעלט זיך אויף, טענהט, דאָס קול ציטערט אים)

יידן. אַ רחמנות אויף אייך, יידן. סאיז דען, אַ פּנים, שוין אינגאַנצן נישט מיגלעך קיין כולו-זכאי?

יידן, סאיז גאָרנישט אַזוי שווער. איך שווער אייך, יידן. אַ ביסל כּוונת-הלב איז שוין גענוג. מיטן דאַשעק פון היטל איז צו שאַרן ליכט, אַזוי פיל ליכט וואַלגערט זיך.

בעש"ט: (ציט אים ביי דער פּאָלע) זעץ דיך, לייבל. (דער נסתר זעצט זיך) שבתי, וואָס קלערסטו וועגן כולו-זכאי?

שבתי-צבי: כולו-זכאי — אַ ליגן!

אַלע: (ווי אַן עכאָ) אַ ליגן! אַ ליגן! אַ ליגן!

אברהם היכיני: מען מוז צווינגען גאָט, ער זאָל אויסלייזן דעם בן-אדם.

נחמיה חיון: אפילו ער, דער האַר אונדזערער, אפילו ער, דער לייב פון וואַלד דעם אויבערשטן, אפילו ער, שבתי, האָט נישט געקאָנט ריין בלייבן — וואָס זשע איז ריינקייט?

שמואל פרימו: און קדושה? אַז גאָט האָט נישט גע-ראַטעוועט נאָך ת"ח און ת"ט, ווען סאיז אַ שטאַם פון לויטער קדושים געוואָרן דאָס גאַנצע פאָלק זיינס, — טאָ וואָס איז קדושה? מיר האָבן אַזוי געוואָלט אויסגעלייזט ווערן און אויסלייזן מיט זיך אַלע פעלקער פון דער וועלט, מיר האָבן אַזוי זיך געלייטערט און אַזוי זיך געהייליקט, און געזונגען האָבן מיר צו גאָט, דעם האַר, פון אונדזער פאַרגאָסן בלוט אַרויס, און מיט גרויס געזאַנג זענען מיר פון אַלע וועלט-עקן און אַלע ימען געקומען צום טאָג

פון גאָט אין ירושלים דער שטאָט, און סהאָט נישט געהאָלפן, און גאָט האָט נישט אויסגעלייזט זיין שטאַם, און די וועלט נישט אויסגעלייזט — וואָס זשע העלפט קדושה? וואָס דאַרף מען קדושה? וואָס איז קדושה?

נתן העזתי: (אין המון אריין) און אַ קול איז געווען צו מיר:

גיי בייט דיינע קליידער און מאַך זיך נישט דערקענען צו מיר און לאָז זיך אויף די וועגן פון די זינדיקע און שטרויכל אויף-צו-פליסן און וואַרף אַוועק די געזעצן!

שרה: הייליקע האָט ער נישט געראַטעוועט — זאָל ער זינדיקע ראַטעווען!

בעש״ט: זאָג נאָר, שבתי! און דעם מענטש, וואָס וווינט אין איוואַניע, קענסטו?

שבתי-צבי: ער? אים איז געגעבן צו ענדיקן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן! זיינע הענט שטאַרקן מיר און זיין צוקאָפּנס באַוואַכן מיר, מיט אים אונזער ווילן, מיט אים אונזער ווילן!

נחמיה חיון: (מיט א ניגון) דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב — אַ שטערן איז אַפּערגעטראָטן פון יעקב, וְקָם שֵׁבֶט בְּיִשְׂרָאֵל — און אַ שטאַם, אַ נייער שטאַם, איז אויפגעקומען אין ישראל.

אַלע געשטאַלטן: אַ שטערן איז אַפּערגעטראָטן פון יעקב, און אַ שטאַם, אַ נייער שטאַם, איז אויפגעקומען אין ישראל.

נתן העזתי: (נביאיש) פון יעקב אַרויס דער שטערן — און צו דער וועלט זיין וועג! אין ישראל אויפגעקומען דער שטאַם — און צו אַלע פעלקער זיין וואָרט!

נחמיה חיון: אַז מיר מענטשן וועלן מאַכן נאַכט און די מעשים אונזערע וועלן אָנוואַרפן אַ פינסטערניש אויף אַלע וועלטן — וועט זיך גאָט דערזען אין אַ חושך-מצרים. וועט ער מוזן ליכטיק מאַכן זיך אַליין, וועט ער מוזן אָנצינדן ליכט אין די וועלטן זיינע, אַז ער אַליין זאָל נישט פאַרלוירן גיין — וועט ממילא ליכטיק ווערן אויך אונז, מענטשן, אויך אונז!

אַ ל ע  ג ע ש ט אַ ל ט ן : (שטיל) אויך אונז, מענטשן, אויך אונז...

ש מ ו א ל  פ ר י מ ו : אָ, וואָלט איך געהאַט קראַפט נאָך אין מיינע הענט — איך וואָלט געווען דער שרייבער פון דעם מענטש אין איוואַניע און וואָלט בריוו צעשיקט איבער דער וועלט'ס מדינות, אַז צושטיין זאָלן צו אים אַלע, אַלע.

א ב ר ה ם  ה י כ י נ י : דאָס ווערק פון אונזערע הענט וועט ער דערפירן צום סוף! צו־שפּעט האָבן מיר זיך אַרומגעזען, ער אָבער גייט זיכער זיין וועג! יעקב הייסט ער און דער צווייטער יעקב איז ער, וואָס וועט שליסן שלום און ווערן איינס מיט עשו'ן זיין ברודער! און זיין לייטער, די לייטער פון צ ו ו י י ט ן יַעקב, גייט אין אָפּגרונט. פון אָפּגרונט וועט ער דערהויבן די וועלט, דען פון הימלען וויל די ישועה נישט קומען.

אַ ל ע  ג ע ש ט אַ ל ט ן : (שטיל) פון די הימלען וויל זי נישט קומען.

ש ר ה : איז נ י ש ט פון די הימלען! אָבער מוזן וועט ער! נישט צוליב אונז — צוליב זיך! אַזאַ וועלט וועלן מיר אים מאַכן! אַזאַ וועלט! מירביידע! איך און שבתי! טאַנצט אַרום אונז! לאַכט אַרום אונז! זינגט אַרום אונז!

(לאכט זיך הילכיק און בייז פאנאנדער, צעשפרייט די אָרעמס, ווארפט די פויק צום בעשט"ס פיס. די פויק פאלט מיט געדודער. יונג און אלט — אלע דרייען זיך ארום שרהן און שבתי צבין אין א ווירבל־טאנץ, דורכגעפלאָכטן מיט הויכע, התלהבות'דיקע געלעכטערס. פרויען און מענער מישן זיך אויס אין איין שנעל־טאנצנדיקער שאָטן־מחנה. דער קלאפּ פון דער געפאלענער פויק וועקט־אויף דעם בעש"טס ווייב. זי קוקט זיך אום בלייך און פארבליפט, דערזעט די געשטאלטן און כאפּט אן דעם בעש"ט ביים בגד).

ד אָ ס  ו ו י י ב : אוי, ישראל, מיט וועמען רעדסטו דאָס? ווער איז עס?

ב ע ש " ט : קיינער נישט.

ד אָ ס  ו ו י י ב : טאַקי אַזוי. קיינער נישט. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.

בעש״ט: שלאָף בעסער.

דאָס ווייב: מען האָט געלאַכט.

בעש״ט: נישט אמת.

דאָס ווייב: טאַקע. מ׳האָט נישט געלאַכט.

בעש״ט: ס׳איז שפּעט. שלאָף איין.

דאָס ווייב: באַלד, באַלד, ישראל... (שלאָפט ווידער איין).

(דער טאַנץ אויף די בערג ווערט אַלץ שוואַכער).

שבתי צבי: (פּלוצלינג) געווג געטאַנצט! איצט לאָמיר חוזק׳ן פון אים.

שרה: (ווייזט אויפן בעש״ט׳ס ווייב) די, וואָס שלאָפט ביי דיין זייט — ווער איז עס? אַ קעבס-ווייב?

דער נסתר: (ריסט זיך צו די געשטאַלטן. בעש״ט פּרוווט אים איינהאַלטן) און איך, יידן, זאָג איין נאָכאַמאָל, אַז דאָס ליכט איז אומעטום. און אַז מען וויל — וואַלגערט זיך עס אונטער די שוועלן. עס שפּראָצט אומעטום, אַט ווי גראָזן. און צו וואָס פינסטער מאַכן, יידן, אַז ס׳איז ליכטיק, יידן, ס׳איז גאָלע ליכט... (צו שרה׳ן) שרה! ביסט דאָך פּאָרט אַ יידישע טאָכטער.

שרה: (קרימט איבער) יי—ד—י—ש—ע ט—אָ—כ—טער! כאַ—כאַ! ט—אָ—כ—טער! (די געשטאַלטן לאַכן מיט).

(שבתי צבי, חיון, פּרימו, אברהם היכיני און נתן העזתי נעמען די לאַכנדיקע באַרוועסע שרה אויף די אַקסלען און פאַרשווינדן מיט איר. אויף די קאַרפּאַטן פאַלט צו די נאַכט).

דער נסתר: (פאַרצווייפלט, דעם קאָפּ צווישן די הענט) וואָס טוט מען?

בעש״ט: גאָרנישט!

דער נסתר: זיי וועלן אָנטון חורבנות... אין איוואַניע ברענט... דער מענטש יעקב פירט ערגעץ...

בעש״ט: אין איוואַניע דאַרף ברענען און דער מענטש יעקב דאַרף פירן.

דער נסתר: (איבערראַשט) וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד?

בעש״ט: (כאַפּט אָן דעם נסתר פאַר דער האַנט, שטעלט זיך אויף און רעדט האַסטיק) דער מענטש פון איוואַניע ליגט פונאַנדער

אַ פ י י ע ר, וועל איך, ישראל, נעמען ל י כ ט י ק י י ט. און איך וועל קנעטן דאָס ליכטיקייט און וועל מאַכן דערפון ברויט.

**ד ע ר נ ס ת ר:** (כאַפּט אים אָן ביי אַ האַנט) גייסט נתגלה ווערן?

**ב ע ש ״ ט:** איך גיי מאַכן ברויט און ער דאָרט, יעגער יעקב, מעג מאַכן פייער. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן מיט אים. ד י וועלט דאַרף ב ר ו י ט.

(פויזע. בעש״ט פאַרשטעקט די ליולקע הינטער'ן גאַרטל. דער קאַשקעט — אַרויפגעשאַרצט. ער הויבט אויף די פויק, וואָס שרה האָט געוואָרפן צו זיינע פיס, און נעמט שפּאַנען מיט איר הין און צוריק. דער נסתר פון פאַר דער הייל קוקט אים שטום אָן. מינוטן־לאַנגע אָפּוואַרטונג. בעש״ט כאַפּט ר' ליב'ס שטאָק, באַשטייגט מיט דער פויק אין האַנט אַ קעגנאיבערדיקן פעלז — און הויבט אָן צו פויקן).

**ב ע ש ״ ט:** (פון פעלז אַראָפּ) איך, ישראל, זון פון אליעזר פון אָקופּ, שטעל מיך אויף דעם זעלבן אָרט, וואָס זיי, און איך נעם די זעלבע פויק, וואָס די טומאה האָט אַוועקגעשליידערט, און לאָז אַרויס אַ געפּויקעריי: „לְכוּ נְרַנְּנָה לַד׳! לכו נרננה לד׳! לכו נרננה לד״! (פּויקט און זינגט־צו).

**ד ע ר נ ס ת ר:** שַׁבּת! שבת! (הויבט די הענט, ווי צום דוכנ'ען, און בלייבט גאַפן פאַרשטאַרט קעגן דריי מאַיעסטעטן: בעש״ט, קאַרפּאַטן און פאַלנדיקע נאַכט).

## סוף פון ערשטן בילד.

# דאָס צווייטע בילד.

(צייט — פוילישע בער־קאָנפעדעראַציע און באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו דורך דער רוסישער אַרמיי.

הויף פון טשענסטאָכאָווער תּפיסה.

שוואַרצע בוימער, נאַכט איבער פעסטונג־מויערן, לאַנגדויערנדיקע שטיל־קייט. אין דער שטילקייט גייען אויף טריט, הינטער די בוימער ווייזן זיך פאַקלען, געזאַנג דערנענטערט זיך. גוואַלדיק, ווילד, וואַלדיק געזאַנג. ס ו ד און ס ע ק ס ט ע. אויפ'ן הויף ווייזן זיך, צווישן די בוימער, פיגורן פון פראַנק'ס סוויטע — זיי גייען פּאָרלעכווייז, ברודער נעבן שוועסטער, קעפּ פאַרוואָרפן אויף אַהינטער, פאַקלען ברענענדיקע אין די הענט. פרויען מיט אַנטבלויזטע בריסט און אָרעמס, תּאווה־דורכגעטריקע, קליינע און הויכגעוואַקסענע, וואַנדלען ווי אין חלום. מענער אין זאָקן און סאַנדאַלן. אַלע גייען אָנגעטון ווייס, די פאַקלען וואַרפן מיט גאָלד. די בוימער זעען אויס שרעקלעך שוואַרץ. די פראַנקיסטן — וואַנדלענדיקע שטיקער שניי. ירוחם, ערשטער אין דער פּראָצעסיע, אַ הויכער זקן מיט לאָקן לאַנג אַראָפּהענגענדיקע, לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד מיטן פאַקל אין די הענט, לייגט צו צו דער ערד דאָס אויער, ווי אַ יעגער, און רופט אויס נאָך אַ רגע האָרכן:

באַהעפטן די פלאַמען!
געטאַנצט צוזאַמען!
אַרויף די שטורקאַצן!

הויבט זיך אויף מיט אַ פלינקן שפרונג, לאָזט זיך דער ערשטער אין טאַנץ מיט זיין שוועסטער — אַ הויכע ווי ער, ווייס ווי אַ יום־כּיפּור־ליכט, אַ פיגור פון אַ משוגענער, תּאווה־צעפלאַמטער נזירה. נאָך דעם פּאָרל — אַלע איבעריקע. ברידער און שוועסטער פלעכטן זיך צונויף אין איין פאַקלען־טאַנץ. שלאַנגיש קאָנוווּל־סיווע באַוועגונגען. דער טאַנץ ווירבלט זיך, ווי אַ שטורעם. געזאַנג. איינע אַ שוועסטער טיילט זיך פלוצים אָפּ פון איר ברודער, — אַ בלייך מיידל מיט לענג־לעכע, זיך וויגנדיקע בריסט. זי לויפט אַרויס פון צווישן די פאַקלען, נעמט ביידע בריסט אין די דאַרע הענט און שרייט אין טאַנצנדיקן עולם אַריין).

**די שוועסטער:** האָב איך בריסט, האָב איך קליינע —
אַ פּאָר פערדלעך אין שטאַל.
שפּאַנט מיר אויס מיינע פערדלעך,
לאָזט זיי לויפן צום קוואַל!
האָב איך בריסט, האָב איך קליינע —
אַ פּאָר פערדלעך אין שפּאַן.
אויף די פערדלעך די יונגע
לאָזט רייטן דעם מאַן!

(דער טאַנץ האַקט זיך ראַש איבער. פון צווישן עולם גייט ארויס א קעגן דער שרייענדיקער שוועסטער —

**אַ ברודער** (שטעלט זיך איר אנטקעגן, ציט אויס צו איר זיין פּאַקל — ביידנס פּאַקלען ריירן זיך אָן. ער זינגט):
דער וועג צו אֱדום גייט דורך דיר.
דורך דיר און טייוול איז די טיר!

**אַלע:** (ארום ברודער און שוועסטער, וואָס בלייבן שטיין אין דער מיט).
בויגט דעם אַלף צו דער תָּיו!
לאָזט דעם אַלף טרינקען גיין.
תּיו איז ברונעם, אַלף — שאָף!

פירט דעם אַלף צו דער תּיו!
לאָזט דעם אַלף שלאָפן גיין:
פירט אים זינגענדיק צום שלאָף!

בויגט דעם אַלף, בויגט דעם אַלף,
בויגט דעם אַלף צו דער תּיו!

(די שוועסטער הענגען־זיך־אָן אָן די אָרעמס פון די ברידער)

**ירוחם** (דער הויכער זקן, וואָס האָט זיך פריער אראָפּגעלאָזט צו דער ערד מיטן פּאַקל אין האַנט און געגעבן דעם סיגנאַל צום טאַנץ, הויבט אויף זיין פּאַקל איבער אלעמענס קעפּ, גיט דריי מאָל א דריי אוּן שרייט אויס):
פאַרלעשן די שטורקאַצן!
אַלע וויינטרויבן זענען פול!

אַ שוועסטער: (כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט).
זיי ווילן פּלאַצן!

(שטורקאַצן ווערן אויסגעלאָשן. פינסטער. אַרגיעס הינטער די בוימער. רווישיקע געזאַנגען פון מאַן, שטילע תאווה-געוויינען פון פרוי. יללות, שעפּטשערייען, אויסגעשרייען, שיר-השירים-פּסוקים — אַלץ שווימט אין דער נאַכט אַריין).

אַ שוועסטער: (וויינט אָפּער פון הינטער הויכע בוימער)
איך בין אַרויס פון מיין קלייד, איך האָב צעפּליקט מיין קלייד,
איך האָב נישט מער קיין קלייד! אָבער איך האָב אַ פרייד,
איך האָב אַ קלייד פון פרייד: איך און דו — מיר האָבן זי זאַלבעצווייט!

אַ צווייטע שוועסטער: (האַלב געזאַנג, האַלב יאָמער)
איך האָב צעריסן מיין העמד און בין אַריין אין טייך! צי מיך אַרויס! שלעפּ קרום, שלעפּ גלייך! שלעפּ — פּאַר די צעפּ! שלעפּ — פּאַר די בריסט! (סאָפּערייען, ספּאַזמאַטישע אויסגעשרייען, פּלוצלינגנדיקע געלעכטערס).

פראַנק: (באַווייזט זיך, אַנקומענדיק מיט קרעפּטיק-שנעלע טריט. הויכגעוואַקסענע שטאַלצע פיגור; רויטע אָריענטאַלישע טראַכט; גרינער שפּיציקער טורבאַן. אונטערן טורבאַן — אַ ברענענדיק געגאָלט פּנים. אַן אָדלער-נאָז — האַלב הערשער, האַלב דערלייזער. אים פאַראויס שפּרינגט זיין לץ — אַ קאַרליקל, וואָס טראָגט אַ ריזיקן שטורקאַץ און לויפט אַרום זיין האַר ווי אַ ווילד הינטל).

פראַנק: (באַפעלעריש) קינדער! (אויף זיין קול קומען צולויפן פון אַלע פּאַרשטעקן שוועסטער און ברידער).
ווי ס'האָט גאָט אַמאָל געפרעגט אין גאָרטן — אַזוי פרעגט יעקב אייער האַר: ווו זענט איר?

(ווערט אַרומגערינגלט דורך מאַן און פרוי, גרויס און קליין. אַ רירעוודיקע מחנה אין דער פינסטער. בלויז דער ריזיקער שטורקאַץ איבם קאַרליק'ס הענט באַלייכט פראַנקס הויכע פיגור און וואַרפט שטראַלן אויף דער אַרומיקער, ווימלענדיק-שאָטנדיקער מחנה).

ירוחם: (טרעט אָפּער) איז עס דען אַ נאַכט ווי אַלע נעכט, אָ האַר? האָסט אונז באַפוילן פרייד איבער פריידן, האָסט אונז באַפוילן טאַנץ איבער טענץ, האָסט אונז באַפוילן יחוד.

זעגען מיר אַוועק הינטער בוימער יהוד אָבריכטן.

פ ר אַ נ ק: גוט, קינדער. אָבער אויך יעקב אייער האַר וויל זיך פרייען מיט אייך און אַרויס איז ער צו זיין פאָלק.

(שטיל. פּלוצלונג — צו איינער פון די שוועסטער).

ד ו ביסט עס? עס זעט דיך נישט דער האַר דיינער יעקב. נאָר דעם ריח פון לייב דיינעם שפּירט ער, ווי דעם ריח פון אַן עפּל־גאָרטן — אויפגעגאַנגען איז דיין לייב, שוועסטער, אויפגעגאַנגען אין דער נאַכט. עס האָט דעם האַר פאַרשמעקט דיין לייב, ער האָט דערקענט דיין לייב־גערוך.

ווי רוישיק וואַסער נעמט אַרום אַן אינזל — אַזוי וויל דיך אַרומנעמען דיין האַר! קום — אפשר וועל איך, מיט דיר שטייענ־דיק, פאַרגעסן אָן דער, וואָס איר לייב האָט מיר געלויכטן ווי דער ליכטיקער ים.

(ער שטעלט שנעלע טריט, גייט־צו צו דער שוועסטער, נעמט זי אָן ביים קלייד. די שוועסטער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ הכנעהדיק, שפּרייט אויס די הענט, ווי פליגלען, און ווארפט זיך אין די אָרעמס פון האַר).

פ ר אַ נ ק: שטיי מיט מיר. דו האָסט אַ סך געזינדיקט און דיינע לענדן זעגען הייס, ווי אַ טאָג אין תּמוז.

ד ע ר ל ץ: (מיט אַ יינגליש קול) דו האָסט אַ סך געזינדיקט, ביסטו אויסדערוויילט! ווייבער, אפשר האָט וועך פון אייך מער געזינדיקט די נאַכט — שווייגט נישט!

אַ ש ו ו ע ס ט ע ר: וואָס ווייסן מ י ר? דער האַר ווייס אַלץ. ער שפּירט די לייבער אונדזערע. ער שפּירט די הערצער אונדזערע.

פ ר אַ נ ק: שוועסטער, אַוועק פון מיר. דיין האַר האָט זיך שוין אָנגעזאָפּט מיט דיין נאַכט־ריח... געגנוג... חנה... נישטאָ חנה... קאָן דער ריח פון דער זינדיקסטער און שענסטער צווישן אייך זיך גלייכן צום נאַכט־ריח חנהס? חנה... חנה מיין ווייב...

(פאַרשטיינערונג, דערמאָנונג).

אַ טאָכטער האָט זי מיר געלאָזט, דעם וווּנדער־שפּראָץ פון מיין זאָמען, דאָס ליכט פון דער וועלט׳ס אויגן. צו א י ר וועט אָבער יעקב אייער האַר נישט צוגיין באַנט, ווי צו איינער

פון אייך. הייליק איז זי צו דער העכסטער זינד, וואָס דאַרף נאָך קומען. איר זינד איז נישט געקומען נאָך!
אומבאַפלעקט און אומבאַרירט — אַוואַטשאַ!

אַ ל ע: (פאַרבענקט, האַלב געשריי, האַלב תּפלה) אַוואַטשאַ!

אַ ש ו ו ע ס ט ע ר: (פאַלט אויף די קני) אָ האַר, איך ברען! איך קאָן נישט וואַרטן! אַ ווילדער ווינט איז אַריין אין מיינע האָר! פאַרקירץ די שעה'ען! גיב די הילף אונז!

אַ ל ע: פאַרקירץ די שעה'ען! צו לאַנג די נאַכט!

פ ר אַ נ ק: צו לאַנג? די לייט פון מאָסקווע-לאַנד קומען באַלד און נעמען די טשענסטאָכאָווער פעסטונג איבער. איידער איר קוקט זיך אום — הויכט אויס די נאַכט איר לעצטן אָטעם און ס'קומט די הילף נאָך דרייצן יאָר. ערשט איצט, אָ קינדער, וועלן מיר צו אָדומען גיין אַ גאַנג, ווי מיר באַגערן, און לערנען וועל איך מיינע מענער זעלנעריי, זיי איבן אין געפעכט, עס זאָלן ווי אָדלערס פליען די שווערדן ביי זיי. אַריין וועלן מיר מיט שטורעם און געפעכט אין עשו'ס הויז. און די יידן מיט די גוים וועלן מיר ווייזן, וואָס פאַר אַ זאַך מיר זוכן. מיר גייען אויפהויבן אַ זאַך!

ד ע ר ל ץ: מיר גייען אויפהויבן אַ זאַך! און איך — לאַך! און איך — לאַך!

פ ר אַ נ ק: (בייז) שווייג!

ד ע ר ל ץ: וואָס טוט נישט אַ לץ צוליב אַ גראַם, אָ האַר!?
(בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, דער שטורקאַץ אין זיין האַנט ציטערט).

י ר ו ח ם: אין גאַנץ פוילן, אין מעהרן, אין דער טערקיי — אומעטום גרייטן די ברידער זיך. אַלע וואַרטן זיי אויף דער שעה, וואָס קומט אָט באַלד, וואָס דערנעענטערט זיך. אַלע, אָ האַר — פון שבתי-צבי'ס פאַריתומטער עדה, וואָס ריכט אָפּ אירע טאַנץ-נעכט אין די היילן פון סאַלאָניקי, ביז די ברידער אין קאָפּיטשיניעץ, הוסיאַטין און לאַנצקאָראָן. די שעה גייט באָרוועס שוין אין טיפער נאַכט — פאַרטאָג דאַרף זי קומען צו אונז. האַר אונזערער, ווהין וועלן מיר גיין, ווען די שעה וועט אונז פריי-

לאָזן ? וווהין וועלן מיר גיין, ווען די לייט פון מאָסקווא-לאַנד וועלן אַרויסלאָזן אונז פון טשעגסטאָכאָוו ?

פּ ר אַ נ ק : דו, ירוחם, פרעגסט עס ? קענסטו דעם וועג נישט פון יעקב דיין האַר ? לוסטיק וועלן מיר זיין, טרינקען וועלן מיר ווייַן, ליכט וועלן מיר אָנצינדן. צום גרויסן ברודער וועלן מיר גיין ! און צו דער שוועסטער ! און צו דער שוועסטער !

(כאַפּט פּלוצלינג אַרויס אַ שווערד פון שייד, ווייזט צום הימל אַרויף).

דער הימל וועט רויט ווערן, די נאַכט וועט אַוועק. פון איצט אָן — רויט ! אֶדום ! דָם ! אָדָם ! ניי בלוט ! נייער מענטש ! אַלץ רויט ! יעקב, צו אדומען מיט די שטיוול ! און פון אדומען — אָדָם ! נעשה אדם בצלמנו — אַ מענטש וועלן מיר שאַפן אין אונ-זער פורעם !

ד ע ר ל ץ : (שטעקט אַרויס די צונג קעגן הימל, שטעלנדיק זיך אויף אַלע פיר) שורים-בורים ! אַ הונט וועלן מיר שאַפן אין אונ-זער פורעם ! אַ הונט ! אַ הונט !

פּ ר אַ נ ק : דו קרימסט איבער דיין האַר, לץ. נישט גוט זענען דיינע שפּאַסן היינטיקע נאַכט, לץ. ביסט משוגע, לץ.

ד ע ר ל ץ : (שטעלט זיך אויף) וואָס טוט נישט אַ לץ צוליב איבערקרימעכץ, אָ האַר ! ?

(ווערט טרויעריק און פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל).

פּ ר אַ נ ק : (צו דער מחנה) הערט ! פון ישראל׳ס שטאַם זענט איר אַוועק, צו עשו׳ן נישט אַריין נאָך. וואָס זענט איר ? יידן ? גוים ? משומדים ! נאָר פון אייך זאָל אָנהויבן זיך די וועלט. דער גרויער שטיין, פאַרעקלט פון די בויער, ער זאָל ווערן צום ווינקל-שטיין. אַוועקגעאַנגענע פון ישראל׳ס אַלטע דורות און אַלטער פּיין — זיי זאָלן צום גרויסן ברודער גיין, צו דער גרויסער שוועסטער אַריין. און ווער איז דער גרויסער ברודער ? אַזוי זאָגט יעקב אייער האַר : דער גרויסער ברודער היט דעם וועג צום גוטן גאָט, ער און די אשה היטן דעם וועג. און די משיחים — זיי האָבן נישט געוווּסט דאָס. גלייך האָבן זיי גע-וואָלט צום גוטן גאָט גיין. צום ט י י ו ו ל מוז מען פריער גיין,

דעם גרויסן ברודער פון דעם מענטש, און צום טייוול׳ס גע־ליבטער — דער אשה. די צוויי היטן דעם וועג, די צוויי מוז איבערקויפן דער מענטש. דעם טייוול און די אשה —ביידע זאָלט איר איבערקויפן. און ווי אַזוי? דורך דינען זיי, בעוויילן זיי ווילן געדינט ווערן. פריער זאָלט איר צום ברודער דינען, פריער זאָלט איר צו דער גרויסער אשה קניען — צום גוטן גאָט דאַרף מען אַנדערש גיין, ווי ישראל גייט און ווי אדום גייט. איר האָט צעטראָטן די געזעצן פון משה׳ן, איר אָפּגעריסענע קינדער פון אברהמ׳ס זרע. איצט גייט צו אדומ׳ען — און נעמט אויך אים מיר איין. קנעט מיר אויס דעם מענטש, וואָס איך באַדאַרף. אַלע לאַו׳ן האָבן מיר אויסגעמעקט. מיט בייזן וועלן מיר צום גוטן קומען, מיט גוטן קומט מען צום גוטן נישט. שבתי־צבי, — דרייפאַך זאָל זיין געבענטשט דעם נאָמען פון דעם ערשטן, — ער האָט געמוזט די לבושים ענדערן און שפּילן אַ שפּיל. אויך מיר מוזן שפּילן אַ שפּיל. פאַרשטעלן וועלן מיר זיך צוליב׳ן ברודער, מיט זינד אים איבערבעטן, דען ער היט דעם וועג צו גאָט, און פאַרשטעלן וועלן מיר זיך צוליב דער שוועסטער, מיט מענישקייט איר האַרץ געווינען, מיט שטאַרקער פויסט און זעלנעריי, מיט שווערד און בלוט איר וואָלוּ־געפעלן. שוואַך זענען געוועזן די גערעכטע — איין אויג זייערס האָט זיך באַהאַפטן מיט דער מצווה, דאָס צווייטע האָט בגנבה אָפּגערגעקוקט צו זינד. דערום האָט זייער גערעכטזיין קיינעם נישט אויסגעלייזט, קינדער! איר אָבער זאָלט שטאַרק זיין אין דער זינדיקייט. מענער זאָלט איר פאַר דער אשה זיין, טמאים פאַר דעם ברודער זיין. ווי ס׳פּלאַצט די בלוט־איגל, מיט בלוט אָנגעזויפט, מוז פּלאַצן ס׳שלעכטס נאָכדעם, ווי איר וועט האָבן אויסגעדינט, איר זעלנער דעם טייוול׳ס, ליבהאָבער דער אשה׳ס! זעט: אַ מדבר אַרום אייך, געזעצן ליגן טויט — אין מדבר ברענט אַ שוואַרצער סנה, דאָס פייער פון אַלע חטאים. דורכן פייער פון אַלע חטאים וועט איר גיין, ביז קיין חטאים וועלן נישט בלייבן. ביז אויפגעעפנט וועט אייך שטיין דער וועג צום גוטן גאָט, צום באַהאַלטענעם גאָט, צום נאָך נישט־אַנט־פּלעקטן גאָט!

**אַלעַ:** (חזרן איבער תּפֿלהדיק) צום גוטן גאָט, צום באַהאַלטע־נעם גאָט, צום נאָך נישט־אַנטפּלעקטן גאָט!

**פֿראַנק:** אָ, די שוועסטער, וואָס דער גרויסער ברודער האַלט־אויס! גאָלד איר קרוין, קאַלטער פּערל איר קערפּער! ווייסער ווי וואַסער די פֿינגער פֿון אירע פֿיס! איר שיינקייט צו פֿאַנגען, איר גלאַנץ אויף זיך לאָזן רוען, איר בלענד צו באַנעמען — קוקט אויף חוה׳ן מיין טאָכטער! אַוואַטשאַ איז דאָס אונטערשטע בילד פֿון דער אשה דער אויבערשטער. איז איר קערפּער נישט קאַלטער פּערל? איז איר קרוין נישט גאָלד? און אַז זי קומט אַרויס, און אַז זי קוקט אייך אָן —

**ירוחם:** אָ, האַר אונזערער יעקב! אַז אַוואַטשאַ קוקט אויף אונז — עפֿענען זיך טויערן פֿון אַ ווייסער שטאָט. און מיר אַלע, יונג און אַלט, שווימען אַריין אין די טויערן.

**איונגער ברודער:** אַז אַוואַטשאַ קומט אַרויס צו אונז — לייגן מיר די הערצער אויף אירע אַקסלען.

**אַשוועסטער:** ווער ווייס דען נישט, אַז נישט ווי מיר איז זי, אַז צו געהיימס איז זי באַשטימט, צו ווערן פֿרוי צו אַ קעניג־מאַן?

**דער לץ:** (טרויעריק צו פֿראַנקן) מיר האָט שפּאַסן זיך גע־וואָלט וועגן דעם קעניג־מאַן און אַ וויץ איז אין מיר אויפֿגע־גאַנגען, האַר. נישט צאָרן, האַר, אויף דיין אָרעמען לץ. דעם וויץ וועל איך נישט זאָגן.

**פֿראַנק:** (אומרויִק, מיט אַ פּחד־בליק אין אויג) האַלטסט דעם שטורקאַץ — האַלט זשע! העכער האַלט! נאָך קיינמאָל האָסטו אַזוי נאַריש נישט געפּלאַפּלט.

**דער לץ:** דעם קאָפּ וועל איך בויגן און דעם שטור־קאַץ וועל איך הויבן, ווי דו באַפֿעלסט, אָ האַר!

**ירוחם:** דיין ווייב חנה, — געבענטשט איר נאָמען צווישן די אייביק רוענדיקע אין דער מְעָרה פֿון אָלשטין, — זי האָט אונז אַוואַטשאַ׳ן געגעבן צו לייכטן פֿאַר אונז. דער זון דיינער ראָך און דער זון דיינער יוסף — אין וואַרשע דער קרוינשטאָט לערנען זיי אַדל־מנהגים און אַלערליי וויסנשאַפֿט און

פערד-רייט און שפיל. אוואַטשאַ'ן אָבער האָלסטו מיט אונז,
זי זאָל לייכטן פאַר אונז און זאָל טראָגן איר בילד פאַר אונז..
זאָל זי אַרויס — מיר ווילן איר דינען!

פ ר אַ נ ק: רופט זי אין דער נאַכט אַריין! רופט זי מיט
תפילה-קול! רופט זי מיט האַרץ-געבעט!

אַ ל ע: אַוואַטשאַ! אַוואַטשאַ! אַוואַטשאַ!

(די קולות צעטראָגן זיך אין באַגייסטערטע, פאַרצוקטע, ווייט-הילכנדיקע עכאָ'ס. ערגעץ הויבט-אָן ברענען אַ שטיק הימל. אָנגעצונדענע וואָלקנס, וואָס זאָגן אָן דעם פאַרטאָג, פאַרציען זיך איבער די בוימער).

ד ע ר ל ץ: (שפרינגט אויף קעגן הימל) עס טאָגט, ווי איר זעט מיך אַ לץ! וואָלקנס טראָגן אויף די רוקנס אַן אויבערשטע אשה...
איר זעט? (מיט ליצניש-אומעטיקע העויות, הענט און שטורקאַץ הויבנדיק, זיך אַרויף-צו ציענדיק מיט דער גאַנצער קאַרליק-בענקשאַפט צו ווערן הויך און העכער).

אויבערשטע אשה! נעם מיך אַרויף אין דיין בעט אַריין,
נעם מיך אַרויף אין דיין בעט! אָך, אָך! אַ קוש, אויבערשטע
אשה, אַ גלעט!

(פראַנק קוקט בייז אויפן לץ).

אַ ל ע: (בלייבן שטיל, גאַפן אַרויף צו די וואָלקנס).

אַ ב ר ו ד ע ר: (אַנטוישט) אַ ליגן זאָגט דאָך דער נאַר! מען
זעט קיין זכר פון אַן אשה נישט!

ד ע ר ל ץ: (קניט הכנעהדיק) מחילה, ברידער! מחילה, שוועס-
טער! וואָס איז אַ לץ אָן אַ חלום? קיינע קושט מיך נישט, דען
צו מיאוס בין איך פאַר די שוועסטער, און מיין גרויסער האַר
איז אַזוי בייז צו מיר היינטיקע נאַכט, ווייל מיינע וויצן געראָטן
מיר נישט אַזוי — טאָ וואָס איז דאָס וואונדער, אַז געוואָלט וואָלט
איך אין הימל אַרויף, איך, אָרעמער לץ, און אויסגעדאַכט האָט
זיך מיר אַן אשה אויף די וואָלקנס... אַן אשה אַן א ו י ב ע ר-
ש ט ע... אַ צ ע ש ו י ב ע ר ט ע... (שפרינגט ראַפטום אויף, ווייזט אַן מיט'ן שטורקאַץ אויף קעגנאיבער. אַלע קוקן זיך אום. אין צאַנקנדיקן ליכט פון דעם אויפטאָגנדיקן הימל ווערן בולט די דרויסן-טרעפ, וואָס פירן צום ערשטן שטאָק פון דער תפיסה-מויער. אויבן אויף די טרעפ, אין גאָלד-קרוין און סאַמעט-

קלייד, שטייט — ווי א זעונג — א ו ו א ט ש א. א פּאָר מינוט שטייט זי אומ־וועגלעך. רויט־צאַנקנדיקער הימל וויקלט זי ארום. אונטער איר — די נערות אירע, אין ברייטע זיידענע טיכער, פּעכערס אין די הענט. זיי קוקן פון די טרעפּלעך צו אוואטשאַן, וואָס שטייט סאַמע אויבן, ווי א מלכה איבער זיי, גלייך דינערינס, וואָס וואַרטן אויף באַפעל).

פ ר אַ נ ק (אַנטציקונג און אומרו) טאָכטער!

אַ ל ע : (אויף די קני) געלויבט זאָל זיין די בתולה! געלויבט זאָל זיין די בתולה! געלויבט זאָל זיין די בתולה!

ד ע ר ל ץ : (קניט נישט, פאַרלעשט דעם שטורקאַץ און ווענדט אָפּ דאָס געזיכט) איך, אָרימער לץ, קאָן אויף איר נישט קוקן, ווייל זי געפעלט מיר.

י ר ו ח ם : (מאַכט אַ פּאָר טריט צו אַוואַטשאַ'ן, ווי ער וואָלט זי פאַנגען געוואָלט, ציט זיך צוריק און זינגט קעגנאיבער איר מיט אויס־געשפּרייטע אָרעמס).

אויף די טרעפּ, אויף די טרעפּ —
איבער אַלעמענ'ס קעפּ.
לייגט די קעפּ, לייגט די קעפּ,
פאַר די טרעפּ, אירע טרעפּ!

אַ ש ו ו ע ס ט ע ר : אָ, בתולה! אַלע תאוות וואַרטן אויף דיר, אַלע מענער גלוסטן צו דיר, ווער וואָלט נישט געפאַלן אויפ'ן האַלז דיר — נאָר דו בלייבסט ריין און דערהויבן איבער אַלע תאוות, איבער אַלע מענער. צו אַן אַנדער שלאָף ביסטו באַשטימט, צו אַן אַנדער תאוה, צו אַן אַנדער מאַן!

י ר ו ח ם : די ערשטע דריי ספירות וואַרטן אויף דיר, כדי צו ווערן איינס אין דיר. ווער וואָלט נישט געוואָלט פאַרזינקען אין דיר? דו ביסט תִּפְאֶרֶת!

פ ר אַ נ ק : אַריבער זענען דרייצן יאָר, זינט די פעסטונג האָט פאַרשלאָסן אונז — די הילף קומט אָן, די הילף קומט אָן. אָ, טאָכטער, גיין וועלן מיר מיט דיר צום אדום־קוואַל, צו הויכן שטאָם, צו קעניגלעכער גזע. גיין וועלן מיר מיט דיר פון פּאַלאַץ צו פּאַלאַץ — און זוכן פאַר דיר אַ קעניג־הויז.

אַ ל ע : אַ קעניג־הויז!

פ ר אַ נ ק : אָן לאַנד, אָן ערד האָבן דורות לאַנגע אונ־זערע עלטערן געוואָגלט. דיך אָבער וועל איך לאָזן ווי אַ וואָרצל טיף אין לאַנד אַריין, טיף אין ערד. דורך דיר וועל איך זיי צום ברודער פירן, דורך דיר צו שוועסטער־אשה פירן. איך וועל דיר אויסזוכן מלכים־בלוט!

אַ ל ע : מלכים־בלוט!

פ ר אַ נ ק : נישט פאַר קיינעם פון זיי, אַוואַטשאַ — באַ־שטימט האָב איך דיר פאַר אַן אַנדער מאַן! זיין בלוט מוז זיין דאָס בעסטע אדום־בלוט, פון הערשער־שטאַם אַ שפּראָץ אַ מעכ־טיקער. צו אַ פרעמדן מלך, אַ באַצווינגער פון צווישן די גוים, וועל איך דיר פירן, אָ טאָכטער! חַוה איז דיין נאָמען, מוטער פון אַלעם לעבעדיקן. דו זאָלסט ווערן די מוטער פון נייע פעלקער!

אַ ל ע : מוטער פון נייע פעלקער!

אַ וו אַ ט ש אַ : גוט־פאַרטאָג צו אייך, גלויביקע! עס איז די צייט פון מיין שפּאַצירן־גיין מיט די נערות דורך די בוימער דאָ. נאָר נישט דער פאַרטאָג האָט מיך אַרויסגערופן דאָס מאָל, נייערט אייער קול, וואָס האָט צו מיר געשריען. וואָס זאָל איך זאָגן אייך? דאָס איינע נאָר צום צווייטן מאָל: גוט־פאַרטאָג צו אייך, גלויביקע!

ד ע ר ל ץ : (טרויעריק פאַרליבט) גוט־פאַרטאָג, אַוואַטשאַ!

אַ וו אַ ש ט אַ : גוט־פאַרטאָג, דו קליינער, גוט־פאַרטאָג, איר אַלע, גוט־פאַרטאָג, וועלט, גוט־פאַרטאָג, הימל!

פ ר אַ נ ק : איר אָפּגעטיילטע, איר, וואָס האָט פאַרלאָזן ישראל, איר וואָס גייט איינגעמען אדום, איר, וואָס גייט צום דעת! האָב איך אייך נישט געלערנט, אַז אויסלייזן מוז פריער דעם גוף, ווער עס וויל אויסלייזן דעם גייסט? געבענטשט זאָל זיין דער ערשטער, געבענטשט זאָל ווערן שבתי־צבי, וואָס ער האָט מַתִּיר־געמאַכט די עֲרָיוֹת און האָט דערלויבט דאָס פאַרבאָ־טענע פאַר די קינדער פון אַבְרָהָם!

י ר ו ח ם : בָּרוּךְ מַתִּיר עֲרָיוֹת!

אַ ל ע : (פרום־נאָך) ברוך מַתִּיר עֲרָיוֹת!

פראַנק: (ווייזט אויף דער טאָכטער) קוקט אָן אַוואַטשאַ'ן: איר אַלע לייזט שוין איצט דעם גוף אויס — אַוואַטשאַ האָט איר גוף נישט אויסגעלייזט ביז איצט! פאַר אַ גוף, ווי אַוואַטשאַ'ס, צו אייערן נישט ענלעך, איז אויך אַן אַנדער אויסלייז באַרייט! אַ שרפה וועט זי אָנצינדן אין אַ דערהויבענעם מאַן פון אדום — וועט דער מאַן פון איר ברונעם שעפּן, די שרפה איז זיין בלוט צו לעשן. ברונעם וועט שרפה לעשן, שרפה וועט צו ברונעם גיין — און אויסגעלייזט וועט ווערן די ערד!

אַלע: (גאַר הילכיק) אויסגעלייזט וועט ווערן די ערד!

אַנערה: יונגפרוי, צייט צום פאַרטאָג-שפּאַציר.

אַוואַטשאַ: צום פאַרטאָג-שפּאַציר רופט מיך דער ווינט, מיינע נערות קוקן מיך אָן. איך וועל אַראָפּ פון די טרעפּ, וועל מיך לאָזן צווישן די ביימער.

פראַנק: (צו די ארומיקע) דאָס בילד פון דער אויבערשטער אשה, די יונגפרוי, דאַרף מיט די נערות שפּאַצירן גיין! די אויבערשטע אשה — אויך זי גייט שפּאַצירן איצט דורכן גאָרטן פון גרויסן ברודער. קומט אַוועק!

(די ברידער און שוועסטער מיט פראַנקן בראש דערווייטערן זיך זינגענדיק. דער לין שלעפּט זיך נאָך נישט גערן, קערט אויס דעם קאָפּ אויף צוריק, קוקט נאָך פאַרבענקט אַוואַטשאַן מיט די נערות און שלעפּט זיך אַוועק ווייטער).

אַוואַטשאַ: (נידערט פון די טרעפּ אַראָפּ, נאָך איר — די נערות).

אַוואַטשאַ: נערות מיינע, אומרויִק בין איך. אַ פויגל זיצט מיר אין מיטן האַרץ, קלאַפּט אויס מיטן שנאָבל: קליפּ-קלאַפּ... קליפּ-קלאַפּ... וואָלקנס טראָגן רויטע עמערס באַגינען-ליכט, און איך — מיט די שאָטנס וויל איך גיין, אַן אַ זייט, אָן אַ זייט. אומרויִק בין איך, נערות מיינע...

צווייטע נערה: וואָס איז דער האַרץ? פויקט איר אפשר אַ חלום נאָך אויף די טויערן פון האַרץ, אַן איבער-בלייבעניש פון נאַכט? אַראָפּ-צו האַלט זי די טייערע ברעמען — ווער זאָגט פאַרוואָס? אַרויף-צו ציט זי די גאָלדענע ליפּן — ווער ווייסט פאַרוואָס?

דריטע נערה: האַרין, דיינע ליפּן זוכן — וואָס זוכן דיינע ליפּן, האַרין?

אַוואַטשאַ: דאָס גראָז איז קיל ווי דאָס מיידל-געלעגער, וואָס איך האָב אָט ערשט פאַרלאָזט. איך ווייס נישט, וואָס מיר איז. איך וויל בלייבן אַליין. איך וויל גיין, גיין — אַליין.

ערשטע נערה: אין טיפן גראָז, אין קילן גראָז מוז עפּעס ליגן. אין טיפן גראָז, אין קילן גראָז מוז זיין אַזוינס, וואָס רופט דער האַרינ׳ס פוס צום וואַנדערן. נישט אומזיסט ברענט דער טוי אַזוי!

צווייטע נערה: נישט אַנדערש, אונדזער האַרין וויל תּפילה-טון פאַר זון-שפּראָץ. ווען אַ תּפילה דריקט דאָס האַרץ — איז עס ווי אַ קינד, וואָס גייט געבוירן ווערן, ווי אייז, וואָס וויל צוגיין. לאָמיר גיין — און בענטשן דער האַרינ׳ס איינזאַם-זיין.

אַוואַטשאַ: עפּעס דערנענטערט זיך אַהער. די בוימער — אָט הויבן זיי אָן צו רעדן.

דריטע נערה: קומט, לאָמיר זיך דערווייטערן אויף שפּיץ פינגער און לאָזן אונדזער האַרין אַליין. אַ חלום דערנענטערט זיך צו אונדזער האַרין. באַרוועסע פיס האָט דער חלום, ער קומט פון גראָז אַרויס.

די איבעריקע נערות: (איינע צו דער צווייטער) לאָמיר אַוועקגיין.

(נערות אָפּ).

אַוואַטשאַ: (אַליין) דער ווינט איז פריש. איך פיל דעם ווינט אויף מיינע ליפּן. פאַרוואָס פיל איך דעם ווינט אויף די ליפּן? (פריזע) צו אַ קעניג-פרוי האָט ער באַשטימט מיך, אויף קעניגלעך בלוט זאָל איך וואַרטן. זיי האָבן געזאָגט: אונדזער אַלעמענס טויער זאָלסטו זיין — אין אַ נייער וועלט אַריין דער טויער. אַן אָפן טויער בין איך, איך זע מיך אָפן. ווער קומט דער ערשטער אין מיין טויער אַריין?

(נעמט פאַרזיכטיק אַראָפּ די קליינע גאָלדערנע קרוין, לייגט זי אַרויף אויף

דער דלאָניע, שפּיגלט זיך אין איר, קוקט מעלאַנכאָליש-מיידליש, וואַרטנדיק-אויסשפּירנדיק אויף דעם גאָלד).

אַ קעניג וואַרט אויף מיר — אַזוי זאָגן זיי. ווי הייסט דאָס לאַנד, ווו עס קעניגט מיין מאַן?

(טוט אָן די קרוין צוריק, גייט פאַרטראַכט צווישן די בוימער).

מאָליוודאַ: (שפּרינגט איר אַרויס אַנטקעגן פון צווישן די בוימער און שפּרייט די הענט צו איר. אוואַטשאַ גיט אַ לייכטן געשריי, וויל צוערשט אַנטלויפן, מאָליוודאַ שפּרינגט איר נאָך, כאַפּט זי אָן ביי אַ זוים פון קלייד און קוקט זי אָן מיט ברענענדיקע, לאַנגע בליקן; צווישן אים און אוואַטשאַ'ן אַ בליקן-געראַנגל. זי רוקט זיך צוריק, ער — אַלץ נענטער צו איר. אָנגעטון — מעשה קאָנפּעדעראַט; שלאַנק, באַקנבערדיק, רירעוודיק. לאַנגע, דינע הענט און אַ פייערדיק פּנים. אוואַטשאַ'ס פיגור בלייבט קעניגלעך שטאָלץ, נאָר די אויגן גיבן זיך ביסלעכווייז אונטער).

אוואַטשאַ: (שטיל) ווער ביסטו? אָן פּאָטערס וויסן, פון די נערות נישט באַגלייט, פאַר אַ פרעמדן מאַן — אַליין!

מאָליוודאַ: (מיט דער האַנט אויפ'ן האַרץ) דיינע בריסט מוזן מוראַדיק ברענען. געגרייט איז דיין טיש — און מען ווייסט נישט פאַר וועמען.

אוואַטשאַ: נישט פאַר דיר און דיינס גלייכן.

מאָליוודאַ: כאַ, כאַ, די אויסדערוויילטע אוואַטשאַ!

אוואַטשאַ: ביי אונדז מעג מען אַלץ. איך אָבער בין די ריינע. די יונג-פרוי בין איך. זיי זינגען צו מיין בילד.

מאָליוודאַ: (רייסט איבער) געהערט!

אוואַטשאַ: געהערט? טאָ וואָס זוכסטו דאָ ביי מיר? ווייסטו נישט, אַז באַשטימט בין איך פאַר אַ מאַן, וואָס טראָגט די קרוין פון אדום?

מאָליוודאַ: דיין בלוט איז יונג, מלכים-בלוט איז אַלט.

(מיט צאָרנדיקע פויסטן).

אַלץ דיין טאַטע!

אוואַטשאַ: קענסט אים?

מאָליוודאַ: צי מאָליוודאַ קען פראַנקן?

אַוואַטשאַ: (איבעררעדשט) מאַליוודאַ! דער, וואָס האָט אונדז אַרויסגעגעבן צו די ביסקופּן אין וואַרשע! פאַרשאָלטענער!

מאָליוודאַ: צוליב מיר זענט איר דאָ דרייצן יאָר געזעסן.

(ווייזט אויף דער תּפיסה-מויער).

אַוואַטשאַ: איך האָב געהערט דיין נאָמען, איך ווייס. אַוועק פון מיר! ווען מיין פאָטער זעט עס! ווען די גערות זעען עס! ווען מיין פאָטער כאַפּט דיך — דיך, מאַליוודאַ, אָדער קאָסאַקאָווסקי, אָדער ווי דו רופסט זיך אַליין... ווען ער ווייס, אַז דו שטייסט דאָ מיט אַוואַטשאַן, זיין קינד —

מאָליוודאַ: פון קראָקע קום איך — געפאַלן קראָקע! אין טשענסטאָכאָווער פעסטונג, פאַרן אָנקום פון די מאָס-קאַלעס, אין דער לעצטער מינוט געקומען צופליגן — זען חנה'ס טאָכטער! (ווייזט) קליינע וועלפּין מיטן קרוין אויפן קאָפּ, שטיק גוף אונטער אַ פאַנצער פון הייליקייט — וואָס ווייסטו פון מאָ-ליוודאַן? נאָר זאָג: האָט נישט דיין פאָטער קיינמאָל דערציילט דיר אין די לאַנגע טעג פון דער תּפיסה, ווער מאָליוודאַ איז?

(גיט זי אַ ריס צו זיך).

קום נענטער! ווייסט, ווער דו ביסט? חנה!

אַוואַטשאַ: חנה, מיין מוטער, רוט אין דער אָלשטינער הייל. דער אַלטער אלישע היט זי. ווי קומט זי אויף דיין צונג, פאַררעטער? אַ קינד בין איך געווען, ווען צוליב דיר זענען מיר קיין טשענסטאָכאָוו אַוועק, אין דער תּפיסה אַריין. מיט ציינ-קריץ פלעגן די אַלטע דיין נאָמען דערמאָנען, און איך, נישט האָבנדיק דיך געזען, האָב אַלע מאָל דיך פיינט געהאַט.

מאָליוודאַ: הויף-שאַמבעלאַן פון סטאַניסלאַוו אויגוסט! ווייסט, וואָס דאָס הייסט, יידיש מיידל דו, אין תּפיסה אויפגע-כאָוועט? דערנאָך... אַוועק איז פון פוילן-לאַנד קאָסאַקאָווסקי, צו אַנדערע זונען אַוועק און צו ווייבער אַנדערע, און געביטן דעם נאָמען האָט ער — פרעג פראַנקן דיין פאָטער! ער ווייס! פלעגן נישט אין סטאַמבול די טערקן פאַלן פאַר מיר, ווי קעמלען פאַרן אָנקום פון שטורעם?

אַוואַטשאַ: גרויע דיין האָר, יונג דיין געשטאַלט, פייער

דיין פּנים. אויגן פון אייזן און אַ קול פון אייזן. (פּלוצלינג) וואָס שטיי איך נאָך? וואָס אַנטלויף איך נישט? (ליידנשאַפטלעך) זאָג: פאַרוואָס האָסטו אַרויסגעבן מיין פאָטער צו די גלחים?

מאָליוודאַ: חנה! (פויזע) איבער אַן'אינזל האָט געהערשט מאָליוודאַ, דער אַנטלאָפענער הויף־שאַמבעלאַן. פאַרגעסן שווערד און ווייַן, סטאַניסלאַוו־אויגוסט'ס הויף, דער שליאַכטעס צאַנקע־רייען, וואָס האָבן אומגעבראַכט דאָס לאַנד... אַן אינזל געווען. יידן און מוטולמענער, ציגיינער און גריכן, אַלע פאַרלאָזן די וועלט פון געקליידטע... נאַקעטע מענער, נאַקעטע ווייבער... און פאַר־וואָס אַנטלאָפן? אַן אומחן געוואָרפן אויף קעניג־הויף, אויף דאַמען, וואָס האָבן קיין ליבע נישט, אויף שטייפע וואָנסן, הערצער גע־פרוירענע... אַוועק אַוואַנטורעס זוכן... דורך טערקן־לאַנד דורכ־געשטורעמט... איבער גריכלאַנד זיך דורכגעטראָגן... אויף דער יַבשה שוין זיין נישט געקענט — און אויפ'ן אינזל געוואָרן האַר איבער נאַקעטע, ביים נאַקעטן ים געלעבט, פון תאוה נישט געוווסט... קלייד איז תאוה, אונשולדיק — דאָס נאַקעט־זיין... וואָס ווייסטו פון דעם אַלעם? וואָס דערציייל איך דאָס דיר? וואָס פאַרשטייסטו? אָבער דו קוקסט מיט חנה'ס אויגן אויף מיר — דאָס האַרץ מיינס ווערט משוגע.

אַוואַטשאַ: (חלומט) נאַקעטע מענער... אַקסלען — ווי וואָג־שאָלן קופּערנע... הענט — טונקל־שטראַלנדיקע... פרויען — מיט העלדזער הויכע, זילבערנע, וואַרימע, ווי דער האַלדז פון מיין מאַמען.

(פאַרוואַרפט דעם קאָפּ).

אַ, ווי דער ווינט קילט די ליפּן מיר! איך בין אַ בוים — טוי ברענט אויף מיינע צווייגן!

מאָליוודאַ: אויסער דיר האָט קיין שום פרוי דיין מאַמעס האַלדז נישט, אַוואַטשאַ. ווען נישט יענץ געשטאַלט — ווען נישט פראַנק קומט מיט חנה'ן —

אַוואַטשאַ: ווּהין?

מאָליוודאַ: (אַ מאַך מיט דער האַנט) אַלטע געשיכטן... אַז איך וועל זאָגן — וועסטו דען וויסן? אויף זיין וועג צום שלאַנג

האָט פראַנק פאַרבלאָנדזשעט צו מיר. וואָלט ער חנה׳ן נישט מיטגענומען, דער מכשף! ער האָט געבראַכט די תּאוה אין גן-עדן. צום הערשער פון אינזל איז געקומען די תּאוה, פון דער יבשה געקומען און פון די אָנגעטונענע, דערגרייכט צו אים, ביים קאַרק אים אָנגעכאַפּט: „קום, שלאַכטשיצל, צוריק!" דערנאָך האָט פראַנק געזאָגט, אַז נישט דאָס איז דער וועג צום שלאַנג, אַז דורך פוילן גייט דער וועג און דורך דער וועלט פון אָנגעטונענע גייט ער, אַז צו יידן אין פוילן דאַרף מען אַוועק, אויסלייזן דעם גוף פון די בני-יעקב, יעקב׳ן צו אדום׳ען אַריינברענגען און פון אָט דיביידע...

המ... פון אָט די ביידע... פאַרשטייסטו דאָס, חנה׳ס טאָכטער? (לענט-זיך אָן אָן זיין שווערד) ג אָ ר נ י ש ט פאַרשטייסטו פון דעם! אָבער דו קוקסט מיט חנה׳ס אויגן אויף מיר! מיט חנה׳ס ב י י ד ע אויגן!

אַ ו ו אַ ט ש אַ : האָסט ליב געהאַט די מאַמע?

מ אָ ל י ו ו ד אַ : (ענטפערט נישט; דערציילט ווייטער) און מיר זענען זאַלבעדריט קיין פוילן געקומען... צוליב וועמען איז מאָליוודאַ צוריק אַריינגעקראָכן אין מלבושים? צוליב וועמען איז קאָסאַקאָווסקי נאָך יאָרן פון געלם-זיין צוריקגעקומען אַהיים, אַ פאַרשטויסענער פון אייגענע, אַן אויסגעלאַכטער, אַן אָפּ-טריניקער, אַ העלפער פון עפּעס אַ ווילדן ייד אָן אַ באָרד, אָן אַ היים, אָן אַ גאָט, וואָס איז באַקאַנט צו מענטשן!? און דערנאָך — צוליב וועמען האָט ער פראַנקן מיט די זייניקע פאַר-מסרט פאַר די פאָטערס-יעזואיטן?

אַ ו ו אַ ט ש אַ : שטילער... נישט אַזוי הויך... איך וועל אַנטלויפן... (פלוצלינג) זאָג... טאַקע... צוליב וועמען? ביסט אַזאַ מאָדנער... ווי אַ חלום... ווי אַ פאַרנאַכט-וואָלקן... אָבער שטילער... שטילער...

מ אָ ל י ו ו ד אַ : צוליב דער, וואָס מיט אירע אויגן קוקסטו אויף מיר! מאָליוודאַ האָט אויסגעפירט... כאַ-כאַ... מען האָט פראַנקן אָפּגעפירט אַהער, אין טשענסטאָכאָווער פעסטונג, און חנה, זיין ווייב, איז געבליבן אָפּגעשיידט פון אים, אָפּגע-שיידט... וואָס נאָך האָט מאָליוודאַ געדאַרפט? געמיינט: חנה

איז שוין זיינע. נאָר מיט זיבן אויגן האָט דער אַלטער זי געהיט פון תּפיסה אַרויס. נאַריש קינד, מיינסט, דיר דערצייל איך דאָס? זיך דערצייל איך, און טויזנט מאָל וועל איך זיך דאָס דערציילן... זיינע לייט האָבן זי אין וואַרשע נישט געלאָזט זיין, פון שטעטל צו שטעטל געשלעפּט, געהיט פּאַר מאָליוודאַן, ווי מען היט פּאַר שדים אַ ניי-געבוירנס, ביז זיי האָבן זי געבראַכט קיין טשענסטאָכאָוו. ער האָט זי פּאָרט אַרויס-באַקומען, דער אַלטער עקשן...

אַוואַטשאַ: אירע אויגן האָבן אויפגעהערט אויגן צו זיין, איר ווייסער האַלדז האָט אויפגעהערט צו זיין ווייס. אין דער תּפיסה איז געשטאָרבן מיין מאַמע, מאָליוודאַ (דער-מאָנענדיק זיך) אָבער זי לעבט ווייטער. אין דער אָלשטינער הייל איז זי. אלישע היט זי. קיינעם לאָזט מען נישט צו צו איר, אַ חוץ אלישען. אַפילו מיך נישט.

מאָליוודאַ: געוואָלט האָב איך פאַרגעסן אָן חנהן און אָן פראַנקן, דיין פאָטער — בין איך צוריק אַוועק מיין אינזל זוכן. האָבן זי די אָנגעטונענע פאַרכאַפּט. מיינע נאַקעטע האָב איך נישט געטראָפן. אין קליידער זעבען זיי אַריין זינט מיין אַוועקגאַנג און זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט. אַ מאַך געטון האָט מיט דער האַנט מאָליוודאַ, מיטן ווינט איז אַוועק מאָליוודאַ. קיין פערסנלאַנד איז ער אַוועק, אַ האַרעם זיך איינגעפירט, אויף דיוואַנען געזעסן, ליולקעס גערויכערט און געקלערט פון חנהן. דרייצן יאָר, ווי דרייצן כוואַליעס. דערהערט ער איינמאָל, אַז זיין היים-לאַנד גייט פאַלן, דאָס פּוילישע. קאָסאַקאָווסקי, הויף-שאַמבעלאַן פון סטאַניסלאַוו אויגוסט, וואָס טוסטו אין האַרעם דאָ? ליולקעס וואָס רויכערסטו? דער לעצטער פון פּולאַווסקי׳ס האָט גענומען די שווערד! שעם דיך, קאָסאַקאָווסקי! אַ חרפּה אויף דיר, מאָליוודאַ! ראַטעווע פון די מאָסקאַלעס פּוילן, המ... און דערגיי אָקאָרשט פאַריינוועגס, צי לעבט נאָך פראַנק דער עקשן... אפשר איז ער טויט שוין לאַנג... און חנה... כאַ-כאַ, און חנה... אפשר לעבט זי נאָך... אפשר געפינסטו זי...

אַוואַטשאַ (תּמימותדיק) זי לעבט. אין דער אָלשטינער

הייל איז זי. אָבער מען לאָזט קיינעם נישט צו צו איר. זי מוז איצט האָבן אַנדערע אויגן, אַנדערע האָר און אַן אַנדער האַלדז, מאָליוודאַ. אָבער זי לעבט.

מ אָ ל י ו ו ד אַ : (גלעט זי איבער די האָר) זי לעבט נישט אין קיין הייל — זי לעבט אין דיר, אַוואַטשאַ. ביסטו דען אַ הייל? (לאַכט) ביסט אַ גאָרטן אַ פאַרשלאָסענער. אויף דיין טויער איז אָנגעשריבן: חנה... (פויזע) פראַנקרייכ'ס אָפיצערן, פּולאַווסקיס שווערד — ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, אַוואַטשאַ. קראָקע איז געפאַלן. ווייסטו, וואָס דאָס הייסט, אַוואַטשאַ?.. און טשענסטאָכאָוו... טשענסטאָכאָוו האָבן די קאָנפעדעראַטן געמוזט אָפּגעבן די מאָסקאַלעס... באַלד קומען זיי אַהער... אין קראָקע האָט אַ יאַט מיר פערציילט פון אייך. „ברודער, — זאָגט ער. — האָט דער משוגענער פראַנק אַ טעכטערל! מיר, זעלנער־יונגען, זענען זי אַמאָל באַפאַלן... האָבן דעם אַלטנ'ס לייט זי אָפּגעשלאָגן פון אונדז, פשיאַקרעוו!“ פרעג איך: „ — און חנה?“ — „ווער? זיין ווייב? געשטאָרבן!“ — „דערצייל, — זאָג איך, — ווי די טאָכטער זעט אויס!“ דערציילט ער — ערשט ס'גיט אויף מיר אַ יאָג מיט חנה... כ'קום נאָנט צו טשענסטאָכאָוו — אויס מיט טשענסטאָכאָוו! אָבער אַוואַטשאַ... אָבער דו... הינטער בוימער בין איך דאָ געשטאַנען, אַוואַטשאַ'ן, חנהס טאָכטער, אויסגעקוקט — (כאַפּט זי אַן ביים האַלדז און ציט צו זיך) כ'האָב דיך... גיכער...

אַ ו ו אַ ט ש אַ : כ'וועל שרייען — לאָז אָפּ — כ'וועל שרייען —

מ אָ ל י ו ו ד אַ מיינע. יאַטן מיט די פערד... זיי וואַרטן... וועסט זען די וועלט נאָך יאָרן תּפיסה... אַ פערד וועט דיך אַוועקטראָגן, ווייטן פון אַלע וועלדער וועלן דיך נאָכיאָגן... האָסטו דען ליב די ווייסע יידן, אַוואַטשאַ, די ווייסע יידן פון דיין פאָטער, וואָס זייערע הענט זענען ווי שווערדן פון פאַרשווערער!? דיין לייב וויל לייב, דיינע ליפן ווילן ליפן — און דו וואַרטסט אויף מלכים־בלוט? צו די פערד! פלי מיט מיר!

אַ ו ו אַ ט ש אַ : וואָס טוט זיך — רופסט דיינע לייט? ראַטעווע, אלישע! באַשיצער אונדזערער, ראַטעווע!

(מאָליוודאַ מאַכט סיגנאַלן. פערד־גאַלאָפּ אין פאַרטאָג־שטילקייט. אַוואַטשאַ

ווײל שרײַען, ס'געשרײ בלײַבט איר שטעקן אין האַלדז, זי פאַלט אום פאַר־חלשט און בלײַבט ליגן אויסגעשטרעקט אָן רײד. מאַליוודאַ בויגט זיך אײַן איבער איר.

הונטער די בוימער הערט זיך, ווי רײַטערס שפּרינגען האַסטיק אַראָפּ פון פערד און הויבן אָן לויפן אין גראָז. באַלד ווײַזן זיך דרײַ יונגען — באַוואָפנט, אין זעלבערישן אָנטון. זײ לויפן צו צו מאַליוודאַן, דערנאָך צו אַוואַטשאַן, הויבן זי פאָרזיכטיק אויף און נעמען זי טראָגן. מאַליוודאַ טראָגט נאָך די גאָלד־קרוין, וואָס האָט זיך אַוואַטשאַ'ן אַרונטערגעקײַקלט פון קאָפּ אין גראָז אַרײַן).

**מ אָ ל י ו ו ד אַ: טראָגט זי ווײַך, איר יונגען.**

**אַ י ו נ ג:** (אַוואַטשאַ'ן טראָגנדיק, אויף אַוואַטשאַ'ן בליקנדיק) **יעזוס־מאַריאַ, ס'אַראַ ליפּעלעך, לאָקנדלעך...**

(פון אַ צווײטער זײַט הויף קומען אָן צולויפן די נערות. וואָס זענען אַרויס זוכן זײער האַרינטע. די מײדלעך שרײַען־אויף דערשראָקענע, לויפן־נאָך די יונגען און װײנען ווי פּאַרצײטישע קלאָגערינס — הויך, מאָוימ'דיק. די יונגען לאָזן אַוואַטשאַן און וואַרפן זיך אויף די נערות. מאַליוודאַ, אַ בלײַכגעוואָרענער, בלײַבט אַ רגע צומישט, ברעכט די הענט, פּרובט אָפּרײַסן די יונגען פון די נערות, נאָר יענע האָבן שוין אַרויסגעכאַפּט ט'כּלי־זײַן. געוויין און מהומה. דערווײַל ווײַזן זיך פון אומעטום פראַנקיסטן, לויפן־צו מיט אַנטבלויזטע שווערדן, נאָך זײ קומט אָן לויפנדיק פראַנק).

**מ אָ ל י ו ו ד אַ:** (רײַסט מיט געוואַלד אַוועק די יונגען, און, באַמערקנדיק דעם אָנקומענדיקן פראַנקן, גיט ער אים אַ שלײַדער אַוואַטשאַ'ס קרוין צו די פיס).

**ס'גאָלד נאַ דיר צוריק. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן!**

(פאַרשווינדלט צוזאַמען מיט די רײַטערס. שטאַרקער פערד־גאַלאָפּ הינטער בוימער־געדיכטעניש).

**פ ר אַ נ ק:** (האָט מאַליוודאַ'ן נישט דערקענט). **וואָס האָט ער גע־זאָגט, דער פרעמדער?**

(די נערות רינגלען אַרום אַוואַטשאַן. מען הויבט זי פון גראָז, מען מינטערט זי. פראַנקיסטן און פראַנקיסטינס, ווי מענטשן, וואָס מען האָט אָקאָרשט אויפגעוועקט פון אַ חלום, קלײַבן זיך אַרום איר, רעדן און זשעסטיקולירן אומ־רויק. פראַנק שטײט פון דער זײַט אַ פאַרשטײנערטער און קוקט זיך צו. פון

ערגעץ שפּרינגט אַרויס דער לץ. ער ווישט זיך טרערן מיט אַן עק פון אַן אַרבל און זינגט).

דער לץ: זיצט זיך חַוה אין טיפן גראָז,

לאַ-לאַ!

חוה, חוה, וואָס איז דאָס?

לאַ-לאַ!

אַשוועסטער: (צעוויינט זיך פּלוצלינג אויף אַ האַרב, זינגענדיק קול) ווײ, צי נישט פאַרשוועכט איז געוואָרן די הייליקע בתולה? ווײ, צי נישט פאַרשוועכט איז געוואָרן די הייליקע בתולה? (אַלע קוקן זי אָן).

אַברודער: (מיט דער זעלבער פּלוצלונגדיקייט) ווײ, ווי וועלן מיר אַריין אין הויז, אויב שוין אויף דער שוועל האָט אונדז ס'אומגליק געטראָפן? ווײ, צי נישט אונטערגעגאַנגען איז דאָס ליכט דער וועלט'ס?

דער לץ: דאָס ליכט דער וועלט'ס, דאָס גאָלד דער וועלט'ס — אויף שמעלץ, אויף שמעלץ! לאַ-לאַ!

אַוואַטשאַ: (קומט קוים צו זיך, זיצט אויפן גראָז, קוקט מיט אויגן, וואָס זעען אַלץ און גאָרנישט, שפּרייט די הענט, ווי צו כאַפּן עפּיס, און שמייכלט בלייך) גאָרנישט... גאָרנישט...

פראַנק: (הענט פאַרלייגט. בליקן אָנגעשטעלט אין דערווייט. אים צופוסנס — אַוואַטשאַ'ס צוגעוואָרפענע קרוין. עס רינגלען אים אַרום די תּלמידים. עס הענגען אויף אים די אויגן פון די שוועסטער. די נערות אַרום אַוואַטשאַן וואַרטן עפּעס אָפּ פאַרשטיינערט).

ירוחם: (טוט אויס די סאַנדאַלן און זעצט זיך אין די זאָקן אויף דער ערד, נישט ווייט פון פראַנק'ן; איכה'דיק) אֲשֶׁר אָמַרְנוּ בְּצִלָּהּ נִחְסֶה בַגּוֹיִם, — די, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז אין איר שאָטן וועלן מיר זיצן צווישן די פעלקער — זי האָבן מיר אַן אויסגעשטרעקטע געפונען אין גראָז, ווי אַ קינד אָן הילף, ווי אַ פייגעלע פון נעסט אַרויסגעוואָרפן. אָ, וויינט מיט מיר! וויינט מיט מיר! וויינט מיט מיר אַלע!

פראַנק: (קוקט אויף אַוואַטשאַן און אויף די אַרומיקע מיט בליי-

ערנע אויגן, וואָס באַפאַלן, ווי אַ דונער. שווייגט לאַנג. דערנאָך — מיט אַ שטיל, עקשנותדיק קול, בליקנדיק ערגעץ ווייט איבער די בוימער).

אויב דערגאַנגען וועט ווערן אַז דו, אשה אויבערשטע, וואָס דיר דין איך און באַפעל צו דינען, האָסט דיין ערדיש בילד, וואָס וואַנדלט צווישן אונדז, אויף באַהעפטונג מיט אדום וואַרטנ־דיק, געלאָזט פאַרומרייניקט ווערן צו מענער נ י ש ט א י ר ג ל י י כ ן, און נישט אָפּגעהיט האָסטו איר בלוט, וואָס איז ווי ווייַן אין טיפן קעלער געלייטערט געוואָרן יאָרן־לאַנג — גיי איך אַוועק פון דער וועלט דער דאָזיקער, און פון די וועלטן די אַנ־דערע זאָג איך מיך אָפּ. דעם גרויסן ברודער זאָג איך: „ביסט קליין", און צום גוטן גאָט, וואָס צו אים מיין גאַנג: „ביסט שלעכט". און איך לאָז פונאַנדער מיין סטאַדע די עלנטע און זאָל זי פאַרלוירן גיין אין טאָל פון די פעלקער, און אונטערגיין זאָל אויף אייביק ס׳גאַנצע ווערק פון מיינע הענט — פון סטאַמבול ביז איוואַניע, פון איוואַניע ביז איצט. און בלייבן זאָל דער אמת׳ער גאָט אַ נישט־אַנטפּלעקטער שאָטן אויף אַ וואַקלדיקן שטול, און בלייבן זאָל אייביק די אונטערשטע וועלט אָן אים, ער — אָן דער וועלט, און איך — אָן ביידן!

(געוויין צווישן די גלויביקע).

אַ ו ו אַ ט ש אַ : (שוואַך) פאָטער...

פ ר אַ נ ק : (שטרענג) שווייג!

אַ ו ו אַ ט ש אַ : (מיט אַ פינגער ווייזנדיק) מיין קרוין...

י ר ו ח ם : (וואַרפט זיך, וויל אויפהויבן).

פ ר אַ נ ק : הויב נישט... וואַרט! הויב נישט...

ד ע ר ל ץ (מיט אַ ניגון) : וואָס איז ווערט אַ קרוין, ווען די קעניגשאַפט איז פאַרשוועכט? מיר גנבענען נישט אַזוינע נעכט! מוחל אַזוינע נעכט!

(זעצט זיך צו אויף דער ערד, שפילט צעשטרייט מיט דער קרוין, בליקט מאָדנע אַפער צו אוואַטשאַ׳ן).

(פון יענער זייט פעסטונג דערהערט זיך אַ יויכצענדיק־לוסטיקער ווירהוואַר פון קולות, בלאָזעריי פון פייף און פלייט און קלאַפעריי פון קריקעס. ס׳איז ווי אַ פריילעך, מבולבלדיק גערודעריי פון שכורע קלעזמאָרימלעך. עס דער־

נעבעטערט זיך אַלץ מער. באַוועגונג צווישן די פראַנקיסטן... אויף קלאַפּנדיקע הילצערנע קריקעס קומען אַריין צוהינקען די בעלי־קבין און זיי פאָרויס — ווי אַ פירער — גייט דער אַלטער אלישע, אַ מקובל מיט אַ באָרד האַלב זילבער און האַלב תכלת, רייזיקע ברעמען צונויפגעוואַקסענע און אַ ספר־יצירה אונטערן אָרעם).

**א ל י ש ע :** (שטאַרק איינגעהויקערט, נאָר די אויגן פליען אים אַפער פון דער הויקער־פיגור, ווי צוויי בליצנדיקע פויגלען) **שלום־עליכם, קינדער !**

**פ ר אַ נ ק :** (מיט אַ האַלב קול) **וואָס פאַר אַ וויסטע חתונה, אלישע ? וועמען ברענגסטו דאָ ?**

**ד י ב ע ל י ־ ק ב י ן :** (מיט קליינע אַרונטערהענגענדיקע בערדלעך ווי ביי ציגן, אין לייוונטענע בגדים און רויטע מיצלעך, פייפן, פייקלען, היפּן אונטער אויף די קריקעס און פרייען זיך. אַ פאָר פון די בעלי־קבין הינקען־צו אין לאָמען גלאָף צו פראַנק׳ן, באַשמעקן און באַטאַפּן זיין קלייד. איינער פון זיי, אויף הויכע שטעלצן שטייענדיק, וויל אַראָפּכאַפּן דעם טורבאַן פון פראַנקס קאָפּ. ער באַגעגנט זיך מיט אלישע׳ס שטרענגע אויגן און ציט די האַנט צוריק, בלייבנדיק שטיין, ווי פאַרשטאַרט, אויף די שטעלצן).

**א ל י ש ע : אין דער הייל זיצט אלישע און היט ס׳גאָלד, וואָס ווערט פון די מדינות געשיקט פאַר יעקב׳ן דעם האַר און פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער. יאָרן האָט אלישע צירופים געמאַכט. טאָג איז אים געוואָרן צו נאַכט, נאַכט צו טאָג. נאָך יאָרן איז די מי געקרוינט, ס׳זוכן באַלוינט. די בעלי־קבין האָט אלישע אַרויסבאַקומען, פון פינסטערניש זיי אַרויסגע־צירופט, פון הייל־פאַרבאָרגעניש אַרויסגעפאַנגען. איז ער מיט זיי געקומען, ברידער און שוועסטער משמח־זיין, און אויף באַפעל פון כוחות אויבערשטע געשעט דאָס גראָד די זעלבע נאַכט, וואָס ברידער און שוועסטער גייען באַפרייט ווערן, די וועלט פון אַלע לאָו׳ן צו באַפרייען, זיך און וועלט צו באַנייען. צו פוס בין איך מיט דער קאַפּעליע אָט־אָ־דער געקומען פון אָלשטין. גרוס דיר, פראַנק, פון תנהן, דיין ווייב, און גרוס פון אַלע די, וואָס רוען אונטער׳ן שאָטן־דאַך פון דער אָלשטינער הייל.**

**פ ר אַ נ ק : פאַרשטערט איז געוואָרן אונדזער פרייד, אלישע פון אָלשטין. אַ וואָלקן איז אַראָפּ אויף דער מחנה פאַר׳ן אויפ־**

גאַנג פון דער זון. באַפאַל די בעלי־קבין, זאָלן זיי שטיל־שווייגן. ס׳קוקט אונדז אָן אַ געוואַלדיקע שעה.

**א ל י ש ע :** שווייגן, בעלי־קבין. (די בעלי־קבין שטילן זיך איין. זיי בלײַבן שטיין צונויפגעדריקט אין די ווינקלען, שושקענדיק זיך שטיל׳ערהייט. אַלע אַרום פאַרהאַלטן דעם אָטעם. דער לץ דערנענטערט זיך צו די בעלי־קבין, צוקריכנדיק צו זיי אויף אַלע פיר, ווי אַ קינד. ער פרובט אויסשטעלן זיי אַ צונג, באַטראַכט זיי נײַגעריק. יענע דרייען אַוועק דעם קאָפּ און רעדן עפּעס צווישן זיך).

**א ל י ש ע :** (דערזעט אוראַטשאַ׳ן, וועלכע זיצט נאָך אַלץ אויפן גראָז, אונטערגעלענט פון אַ פּאָר פאַרווייניטע נערות) וואָס איז געשען דער טאָכ־טער דײַנער? אַ?

**פ ר אַ נ ק :** פרעמדע זענען זי באַפאַלן, נישט צו וויסן ווער.

**א ל י ש ע :** באַפאַלן?

**פ ר אַ נ ק :** מיר האָבן אויפן גראָז זי געפונען אויסגע־שטרעקט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די קרוין פאַרוואַלגערט. (פּלוצלונג) אלישע! טרײַער היטער! קום אַהער —

(אלישע גייט צו צו פראַנקן, פראַנק בויגט זיך איין און רוימט אים עפּעס אויפן אויער. די בעלי־קבין, מיט דעם אויף די שטעלצן בראַש, קוקן שווייגנדיק אויף אוראַטשאַ׳ן און מאַכן צו איר פון־דער־ווײַטנס וואָוילעווײַשע העוויות).

**א ל י ש ע :** הויבט־אויף די בתולה און זאָל זי אַרויסגיין מיט מיר! (די פרויען הויבן אוראַטשאַן פון דער ערד, אוראַטשאַ מיט אלישען גייען לאַנגזאַם אַרויס).

**פ ר אַ נ ק :** (פייערלעך) דער אַלטער אלישע וועט אַרויסקומען און זאָגן: ריין אָדער אומריין. אים איז רשות געגעבן צו זען, אים איז רשות געגעבן צו זאָגן. (אוראַטשאַס נערות וויינען) וואָס וויינט איר? איצט וואַקלען זיך די וואָגשאָלן דער וועלטס — דעם אָטעם אײַנהאַלטן — וואַרטן —

**י ר ו ח ם :** איצט וואַקלט זיך דאָס באַשאַף. נישט צו וויסן, צי די זון וועט אויפגיין, אָדער נישט. נישט צו וויסן, צי וועט זײַן גרויס פרייד, אָדער אַ גרויס געוויין, צי וועט געזאָגט

ווערן: „יאָ", צי וועט דערהערט ווערן: „ניין".

אַ נ ע ר ה: האַרין אונדזערע! דיינע לאַנגע ברעמען וועל איך דיר אויסקושן, דיינע קיילעכיקע לענדן מיט די הענט אַרומנעמען, מיין מויל אויף דיין לייכטנדיק מויל אַרויפלייגן, און בלייבן מיט דיר, און שטאַרבן מיט דיר, צי יאָ, צי ניין, צו אומריין, צי ריין.

אַ צ ו ו י י ט ע: האַרין איינציקע, לייב דו גלאַנצענדיקס, גאָלדענער בשָמים-קרוג!

(אַ שטילקייט).

ד ע ר בַּ ע ל - קָ ב מ י ט ד י ש ט אָ ל צ ן: (טרעט אַרויס פאָרנט, חוצפּהדיק) וואָס דויערט דאָס דאָרטן? מיר זענען געקומען פייפן. בלאָזן זענען מיר אַהערגעקומען. זינגען!

אַ נ ד ע ר ע ב ע ל י - ק ב י ן: פייפן! בלאָזן זינגען!

(טרעטן אָפּער פאָרנט, קלאַפּן רוישיק מיט די קריקעס).

פ ר אַ נ ק: (מיט פויסטן) שטומט, הינקעדיקע! אין די ווינקלען אַריין! איז צייט צום זינגען איצט? צייט צום וואַרטן.

(די בעלי-קבין, מיט געמאַכטער קינדישער דערשראָקנקייט, פאַררוקן זיך צוריק אין די ווינקלען, שושקען זיך, טייטלען מיט די פינגער אויף פראַנקן און די אַרומיקע, און זעען אויס ווי שפּיאָנען, וואָס קוקן-אויס די מחנה פון שונא).

ד ע ר ל ץ: איי, בעלי-קבינדלעך! עפּעס דאַכט זיך מיר, איר זענט פון דעם זעלבן פאַך, וואָס איך. זייט זיך מודה! ס'וואָר?

י ר ו ח ם: (צום לץ; בייז) אַז דער האַר האָט זיך געבייזערט, מעג שוין דער קנעכט אויך פּראַלן? צו וועמען רעדסטו דאָס אַזוי, לץ? דאָס זענען דאָך די בעלי-קבין! די בעלי-קבין פון די „תּיקוני-זוהר"! די, וואָס אלישע האָט געבראַכט אונז די נאַכט צום גוטן געווין! דאַנק גאָט, וואָס דו גייסט אַרום צווישן אונדז, אומווערדיקער, וואָס דו ביסט געבליבן נאָך פון די צייטן, ווען דער האַר איז מאַגנאַט געווען אין דער טערקיי, און ביסט ביז איצט נישט אָפּגעשאַפט, דו קאַרליק לאַנג-צונגיקער! קום, וועל איך דיר אָנדרייען די אויערן!

(ער דרייט דעם לץ די אויערן, דער לץ שרייט).

**פראַנק: אָפּלאָזן.**

(עס קומט אַרויס דער אַלטער אלישע, נאָך אים, בלייך און צעשויבערט, אוראַטשאַ. פראַנק לויפט צו צו זיי. אלישע זאָגט אים עפּעס. פראַנק נעמט אַרויס די טאָכטער און האַלט זי אַ לאַנגע צייט אין די אָרעמס. באַגייסטערונג, דווערנ-דיקע שטילקייט. דערנאָך פּלאַצן-אַרויס הויכע, צעצויגענע יובלערייען. דער הויכער זקן פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד און זינגט. שוועסטער לויפן און שרייען: ריין! זי איז ריין! ריין!

אוראַטשאַ'ן ווערט צוריק אַרויפגעזעצט די קרוין אויפן קאָפּ. די בעלי-קבין שטעלן אָן פליוט און פּייקל).

**אלישע:** (עפנט דעם ספר-יצירה, קוקט אַריין און גיט די בעלי קבין אַ סימן, ווי אַ קאַפּעלמייסטער — זיינע מוזיקאַנטן).

אין נאָמען פון די רל"א שְׁעָרִים פון די הייליקע אותיות — שפּילט אַ פריילעכס! שאַצמייסטער אלישע האָט באַפוילן!

**פראַנק:** (ברייט). מזל טוב! איצט מעגט איר שפּילן! איצט הער איך!

(די בעלי-קבין פּויקן, פייפן און דונערן מיט די קריקעס)

**דער בעל קבב מיט די שטעלצן:** מיר'ן דיר אַ זינג טון! (זינגט, נאָך אים — אַלע איבעריקע, קלאַפּנדיק מיט די קריקעס צום טאַקט פון ליד).

אײנס — צוויי — דריי — פיר —
אַלץ דיר — אַלץ דיר —
בלוט — גאָלד — בלוט — גאָלד —
גליק — פרייד — דיר — פראַנק —
אַלץ דיר — אַלץ דיר —
קלינג — קלאַנג!

**פראַנק:** (מיטן פינגער אויף אוראַטשאַ'ן). און איר? מיין קינד וואָס גיט איר, בעלי-קבין וואוילע?

**דער בעל-קב מיט די שטעלצן:** (קוקט אויף אוראַטש'ן מיט אַ קרומען שמייכל). און דיר, פיין טאָכטערשי, דיר שענקען מיר דעם עפל! דעם שלאַנג'ס עפּל!

**אַלע איבעריקע:** (לאַכן). כאַ-כאַ! און דיר, פיין

טאָכטערשי, דעם עפּל! דעם שלאַנגס עפּל! אַ ברכה אויף דיין קעפּעלע — חוה מיט׳ן עפּעלע!

דער בעל קב מיט די שטעלצן: און בייס דעם עפּל מיט אַלע כוחות! ביז׳ן לעצטן צאָן! ביז׳ן לעצטן צאָן!

אַלע: (לאַכן). כאַ־כאַ! מיט אַלע כוחות! ביז׳ן לעצטן צאָן! ביז׳ן לעצטן צאָן!

דער בעל קב מיט די שטעלצן: דאָס טעכטערל איז, כ׳לעבן, שיין! דאָס טעכטערל איז, כ׳לעבן, וואויל! (שטאָל־פּערט־צו צו אַוואַטשאַן, כאַפּט זי העפטיק אָן ביי אַ האַנט).

אַוואַטשאַ: (דערשרעקט זיך, רייסט אַרויס די האַנט, שטויסט־אָפּ דעם בעל־קב). טאַטע, נעם זיי צו פון מיר! טאַטע!

פראַנק: נאַריש קינד, די גוטע בעלי־קבין זענען דאָך דאָס. וואָס האָסטו מורא? פרייד איז מיט זיי. אָט לאַכן זיי אַביסל. (צו די בעלי־קבין). ליכטיקע גייסטער פון הילף, אייער ליד ווי הערלעך און ווי פריילעך די רייד! וואָס מער איר וועט מיר געבן — שטאַרקער וועט דער בוים זיין, וואָס איך גיי פאַרפלאַנצען. עס דאַרף דער מענטש, אויך דער שטאַרקסטער פון מענטשן, די הילף פון די גייסטער. שטייט מיר ביי, בעלי־קבין! (צו אלישע׳ן) און דו, אלישע, דינער געטרייער, מיט וואָס קאָן איך צאָלן דיר פאַר דיין דינסט צו מיר און דיין געטריישאַפט? די אַלע יאָרן, וואָס מיר זענען דאָ געלעגן טיף פאַרמויערט, גלייך די קינדער פון די יידן אין די מויערן פון מצרַיִם, ביסטו געזעסן אין דער הייל אַ פּאָר מייל פון אונדז, און האָסט אונדז דאָס גאָלד געהיט, און האָסט חנהן געהיט, מיין ווייב, און האָסט צירופים געמאַכט, און האָסט תפילה געטון פאַר דער זאַך. און ציגד ברענגסטו די בעלי־קבין אַהער, די, וואָס קאָנען אַלץ, די, וואָס באַווייזן אַלץ...

אלישע: אין מיין ספר־יצירה האָב איך אַריינגעבליקט נישט לאַנג — האָב איך באַשיימפּערלעך דערזען, ווי מען קאָן די בעלי־קבין אַרויסרופן, זיי זאָלן זיך אָנטון אין געשטאַלט און קו־מען באַהילפיק זיין דער זאַך. אַ לעבן האָב איך אַוועקגעלייגט אויף אָט די בערדיקע, (ווייזט אויף די בעלי־קבין) אויף אָט די שטי־

פּערס, אויף חבֿרה פּייפּערס. (לאַכט גוטמוטיק). פֿון בָּחורוויז ביז
איצט זיך געמיט, און מיט גרויס התמדה, און מיט ערנסט געמיט...
קוקטס אָן די הענט! וויפֿיל פֿאַרמעטן האָבן זיי צואַקערט מיט
אַ געגנדזענער פּעדער! וויפֿיל מגילות באַזייט מיט צירופֿים פֿון
אותיות צוואָנציק און צוויי! כ'האָב געמיינט: איך ווייס — און
דאָס וויסן איז אַוועק פֿון מיר. מיטאַמאָל, — נישט געדאַכט, נישט
געטראַכט, — גייט אויף ס'פּאַרזייטע... געעפֿנט דאָס ספֿר די טעג —
האָבן זיך די אותיות, וואָס איך באַדאַרף, פּלוצלונג אליין אָפּגע־
פֿונען, פֿון זיך גופֿא אַרויסגעשפּרונגען, ווי פֿויגל, וואָס זעצן זיך
אַ מענטש אויפֿן האַנט... ווי זעלנער צום באַפֿעל זיך אויסגע־
שטעלט — און געזאָגט: אלישע, שיק אונדז... און זע: אין אונד־
זער מְעָרַת־הַמַכְפֵּלָה, אין דער הייל דער פֿאַרבאָרגענער פֿון אַלש־
טין, זענען זיי פֿון צווישן קבֿרים פֿון די גלויביקע אַרויס, די
גוטע בעלי־קבין... דערלעבט האָבן מיר נחת, האַר, און די גייס־
טער זענען מיט אונדז, און די זאַך הויבט זיך אָן.

פֿ ר אַ נ ק (האָפּערדיק): נאָכאַמאָל זאָגט, בעלי קבין: וואָס
גיט איר דעם האַר אייערן יעקבֿ?

ד י ב ע ל י ־ ק ב י ן: האָסט געהערט! דו ווייסט!

פֿ ר אַ נ ק: נאָכאַמאָל! שווערט זיך! תּקיעת־כּף גיט!

ד י ב ע ל י ־ ק ב י ן: שווערן זיך ווען מיר נישט! גלויב־
סטו נישט, דאַרף מען נישט. מיר גיבן דיר אַלץ און די מאַכט
איבער אַלץ. אָבער מיר ווילן באַצאָלט, אָבער מיר דאַרפֿן אַ לוין.

(פֿראַנק, אלישע און אַלע איבעריקע איבעראַשט).

ד ע ר ל ץ: (קלאַפּט זיך מיטן פֿינגער איבערן שטערן) פֿאַר
ליצנות — אַ לוין? פֿאַר ליצנות — אַ לוין?!

א ל י ש ע: וואָס באַגערט איר, בעלי־קבין? וואָס פֿאַר
אַ לוין פֿאַרלאַנגט איר? אַ?

ב ע ל י ־ ק ב י ן: (מיט וואַקסנדיקער חוצפּה; שטעלן זיך אַרום
פֿראַנק'ן און זיין טאָכטער, קלאַפּנדיק שטאַרק מיט די קריקעס) די טאָכטער!
די טאָכטער! גיב די טאָכטער! באַלוין מיט דער טאָכטער!

(דער בעל־קבֿ אויף די שטעלצן רוקט אַרויס אַ שפּיציק לאַנגע, שפּיזיקע
אַרונטערציטערנדיקע צונג).

פ ר אַ נ ק : האַ... וואָס ? די טאָכטער ?... אייך ?...

(ביי אַלע אַרום — שטוינונג און פּחד).

ד ע ר בּ ע ל - קַ ב מ י ט ד י ש ט ע ל צ ן : (זינגט, און די איבעריקע — נאָך אים).

האָסט זי ליב ?
ס'טוט דיר באַנג ?
לוין דערלאַנג !
טאָכטער גיב !
ווילסט נישט ? ניין ?
טאָמער פאָרט ?
מיר גיבן אַליין !
מיר האַלטן וואָרט !

א ל י ש ע : (יאושדיק די הענט אויסגעשטרעקט) דערויף האָב איך יאָרן פאַרבראַכט ? דערויף טאָג ווי נאַכט צירופים געמאַכט ? און די אויערן מיינע הערן דאָס ? איר, אויגן מיינע, זעט דאָס ? באַקלערט אייך, בעלי-קבין. טוט אייך באַזיגען, טייערע. רחמנות האָט אויף די יאָרן אלישע'ס. פאַרשטערט נישט ס'ווערק פון זיינע הענט די אַלטע ! אפשר שפּאַסט איר בלויז... זאָגט : „מיר האָבן נאַרן געוואָלט, גוטע קונדסים זענען מיר". ווער האָט אייך אָנ-געקליידט ? נישט אלישע ? געשטאַלט האָבן אייך געשאָנקען אלישע'ס אותיות ! די צירופים, וואָס אלישע האָט נאָך אייך גע-שיקט, זיי האָבן אייך געפורעמט ! איר, בעלי-קבין, קעגן מיר... זיך פאַרשווערן... קעגן מיר, בערדיקע... קעגן אלישע'ן... איר... גייסטער זאָלן שכר וועלן... איר אַ שכר ?..

ב ע ל - ק ב מ י ט ד י ש ט ע ל צ ן : וואָס איז דער יחוס מיט דיר ? האָסט גערופן — זענען מיר געקומען ! געוואָלט, מיר זאָלן זיין — זענען מיר געוואָרן ! האָסט אונדז געבוירן — און מיר וועלן דיך הַ ר גִ ' ע נ ע ן !

צ ו ו י י ט ע ר ב ע ל ק ב : כאַ, כאַ ! מיר זענען די גייסטער פון די ז י ב ן הֲ בָ ל י ם ! מיר זענען פון אַליין און פון גאָר-נישט ! זיבן מאָל גאָרנישט !

אַ ל ע : אַלטער אלישע ! אַלטער נאַר !

(די בעלי־קבין שטעלן זיך אין אַ ראָד אַרום אלישע׳ן, הויבן אים אָן צו שלאָגן מיט די קריקעס, דער מיט די שטעלצן פירט אָן. זיי לאַכן גריליציק און וואָיען. אלישע פאַלט אום. בהלה. אַלע לויפן צו, נאָר ס׳איז שוין שפּעט. די בעלי־קבין פאַרשווינדן מיט געלעכטער און אויסגעשרייען).

**פ ר אַ נ ק :** אלישע ! אלישע ! (בויגט זיך אַריבער איבערן גוף).

דערהרגעט אלישען ! (די אַרומיקע שווייגן אין טויט־שרעק))

**פ ר אַ נ ק :** פאַרשאָלטן דער וועג זייערער ! איצט זע איך: זיי האָבן אונדז אויסגענאַרט. איצט זע איך: זיי האָבן אונדז אויסגעלאַכט. איצט זע איך: זיי האָבן אַ בייז אויג אויף דער יונגפרוי געוואָרפן. אַ שרעקלעך ליד האָבן זיי געזונגען, שרעקלעכע רייד גערעדט... אַוואַטשאַ — טאָכטער — מען האָט זיך פאַרנומען אויף דיר — מען האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז... אין דיינע הענט — די האָפנונג ! דו ביסט די יונגפרוי ! (צו די אַרומיקע) נישט געוויינט ! מען האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז. איך אָבער זאָג אייך: לאַכט ! אויף להכעיס ! געהרגעט אלישע׳ן — טאַנצט אַרום אים ! זעט —

(ווייזט אויף׳ן לץ, וועלכער טאַנצט ווילד אַרום אלישען).

**ל ץ :** (טאַנצט) האָסט יאָרן געגעבן אויף צו פּאַקן בעלי־קבין, און האָסטו זיי געפּאַקט, אלישע, האָבן זיי דיך פאַרראַטן ווי אַן אשה ! כאַ, כאַ ! פאַרראַטן ווי אַן אשה ! אַ בייזער סימן — ס׳רעכנונגל וויל נישט שטימען !

**פ ר אַ נ ק :** וואָס פלוידערסטו ? אָבער דו טאַנצסט — דאָס איז וואויל ! טאַנץ ! און א י ר ? וואָס שטייט איר ? זאָגט ! וואָס שרעקט איר זיך ? פאַרוועמען ? איר גייט אַ וועלט איבעראַנדערשן. אַוואַטשאַ ! טאָכטער ! יונגפרוי ! העי, איר אַלע ! מען האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז ! זיך פאַרנומען אויף אייך ! איז וואָס ? לוסטיק ! טאַנצט ! לוסטיק !

(אַלע טאַנצן אַרום דעם טויטן קערפּער פון אלישע׳ן).

**י ר ו ח ם :** (טיילט זיך אָפּ פון די טאַנצנדיקע. האָרכט פאַרשטיינערט אַ לענגערע ווײַלע, לויפט צו די טאַנצנדיקע צוריק און שרייט אויס אין דער מחנה) הערט ! הערט !

**אַ ל ע :** וואָס איז ?

ירוחם: די חיילות!

(פון יענער זייט מויער — טופעריי פון פערדן־פיס, אָפּגעהאַקטע, הייטע קאָמאַנדאָס, דעמפּער מאַסן־געוויש).

אַשוועסטער: (מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און צעשפּרייטע אָרעמס; וואַרפט זיך צו דער ,געדיכטעניש פון די בוימער) די הילף! די הילף!

פראַנק: (מאַיעסטעטיש) לויבט אייער האַר, וואָס האָט אייך אָפּגעטיילט פון צווישן די בלאָנדזשענדיקע און האָט איינגעפלאַנצט צווישן אייך די זינד און פירט אייך דורך טומאה צו גאולה. באַלד ווערט איר באַפרייט אויף צו באַפרייען די וועלט. דאָס, וואָס איך האָב אייך געלערנט אין איוואַניע און אין טשענסטאָכאָוו, דאָס דאַרף גיין איצט איבער אדום, דאָס דאַרף גיין איבער אָדָם.

(די ברידער און שוועסטער קניען פאַר פראַנק'ן).

אַוואַטשאַ: (טיילט זיך אָפּ פון אַלעמען, שטעלט זיך אין אַ ווינקעל צווישן צוויי בוימער, מיטן פּנים צום יונגן זונאויפגאַנג, און רעדט אַרויס שטיל, די הענט פאַרלייגט ווי צו אַ תפילה) מאַליוודאַ...

סוף פון צווייטן בילד.

# דאָס דריטע בילד.

(נאָכן איינגעמען וואַרשע דורך די רוסן. דער זעלבער טשענסטאָכאָווער תפיסה־הויף, וואָס אין פאָריקן בילד. פון צייט צו צייט וואַרפן זיך דורך ערגעץ הינטער די בוימער בערדיקע פנימער פון רוסישע סאָלדאַטן מיט פיקעס אין די הענט. די סצענע שטייט ליידיק אַ פאָר מינוט. שפּעטער קומט אָן העגדום־פּענדום דער לץ, קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן, לאַכט לאַנג, הויך, בייז־בשורה׳דיק, זעצט זיך אויף דער ערד אַנידער, די פיס אונטער זיך, און הויבט אויף אַ פינגער צום שטערן).

לץ: אפשר ווייסטו, לץ, וואָס דאָס געלעכטער איז מיט דיר? האַ? נאַ דיר גאָר אַ לאַכן! געהערט אַזוינע זאַכן? נאָר מילא, מאַלע וואָס ס׳קאָן זיך מאַכן. אָט וויל דאָך מיין האַר פאַרהאַנדלען צו אַ קעניג אַ טעכטערל חוה, וואָס איך האָב זי ליב מיט אַזאַ מין אהבה — האַ, וואָס האָסטו געזאָגט, לץ? בייס דיר אָפּ די צונג, קלאַפּער־שלאַנג איינע! ווי פאַלסטו אויס ליב צו האָבן אַ מויד, וואָס איז באַשטימט פאַר אַ מלך? האַ? (פּויזע) מיין האַר איז, כ׳לעבן, אַנ׳איינגעשפּאַרטער. אויף וואָס וואַרט ער? אויף אַוואַטשאַ׳ס אַ קינדעניו? אויף אירס אַ זינד, אַ זינדעניו? (ווידער פּויזע) מען גייט, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט. צום טייוול! אַז מען לאָזט נישט אַ מענטשן קלערן אין תוך־זאַכן. (קוקט זיך אום).

פראַנק: (קומט אָן מיט האַסטיקע טריט) דאָס ביסטו, קליינער? וואָס טוסטו דאָ?

לץ: וואָס איך טו? איך באַטראַכט די וועלט.

פראַנק: אַמאָל, אין דער טערקיי, פלעגסטו פריילעך מאַכן און גוטע שפּאַסן אויסקלערן, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ לץ. דרייצן יאָר תפיסה האָבן דיין פריילעכקייט אויפגעפרעסן. (קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע) נו, נישט געדאַגה׳ט, קליינער. וועסט אַרויס

מיט אונז אַלע אויף דער פריי — וועסטו פריילעך ווערן, ווי אַמאָל, און זיין, אַ ריכטיקער לץ.

ל ץ: אַודאי, אַודאי. דיר — אַ מלכ׳ל פאַר אַן איידעם, אוואַטשאַ׳ן — אַ קינדל, מיר — אַ וואויל ליצנות׳ל. איטלעכער איינער וועט באַקומען ס׳זייניקע.

פ ר אַ נ ק: (קוקט אויף אים פאַרשנדיק) פלוידערסט שוין ווידער.

ל ץ: אפשר שטער איך דעם האַר?

פ ר אַ נ ק: שטערסט.

ל ץ: גיי איך.

פ ר אַ נ ק: גיי. איך בין דאָ אַרויסגעקומען צו זיין מיט זיך. זאָג אָן די ברידער און שוועסטער, זיי זאָלן מיך נישט זוכן. דיין האַר וויל דאָ תּפילה טון אין איינזאַמקייט.

(לץ קוקט אים אויפמערקזאַם אָן. אָפּ).

פ ר אַ נ ק: (אויף די קני) דו, ברודער גרויסער, און דו, גרויסע שוועסטער, מיט אייך וועל איך רעדן צינד. בייגעשטאַנען זענט איר מיר, געהאָלפן האָט איר מיר. געלויבט, געלויבט, געלויבט, צינד, אַז איך און די סטאַדע מיינע ווערן פרייגעלאָזט, וועל איך דער גאָרער וועלט ווייזן דעם וועג צו אייך,דעם וועג צו דיר, ברודער, און דעם וועג צו דיר, שוועסטער, ווי עס האָט מיך געלערנט יששכר, דער חכם פון סמירנאַ. דרייפאַך לויב איך זיין נאָמען אין איצטיקער שעה, דען דער סמירנער — ער האָט אייך געזען, דיך, ברודער, און דיך, שוועסטער, און מיר אויסגעזאָגט האָט ער דעם סוד אייערן, און מיר אויפגעזיגלט די קוואַלן פון וויסן, און מיר אויפגעדעקט די סודות פון דעם ערשטן, די לערן פון שבתי׳ן, און מיר אָנפאַרטרויט די שליסלען. יענער פון סמירנא דער שטאָט — ער האָט אין מיין קראַפט מיך דערזען, ער האָט מיך, אַ יינגל נאָך, אויסדערוויילט און דערקענט, ווי שמואל האָט שאול׳ן דערקענט און אויסדערווײלט. געלויבט, געלויבט, געלויבט! אויך דיין נאָמען לויב איך דרייפאַך צינד, היטער אומגעקומענער, פעסטער דינער פון דער זאַך — אלישע! ביסט געפאַלן — די זאַך גייט ווייטער. און איצט וועל איך דריי-

פאַכע ליוב אָפּגעבן דיר, מיין חנה! דו, וואָס דו האָסט מיר ירושה געלאָזט — זיך אַליין! דו, וואָס האָסט אַוואַטשאַ׳ן מיר געגעבן — דיין עבן-בילד! מיט איר גיי איך טורעמער שטירצן! ווי אַ פּאַן וועל איך זי אויפהויבן איבער פעלקער! יששכר, אלישע, חנה! צו אייך מיין ליוב און רוף, צו אייך מיין געבעט אין שעה פון פרייד. פון דאָרט, וואו איר זענט — קומט מיט! גיין! גיין! ברודער, איך וויל גיין! שוועסטער, גיין! צום גוטן גאָט — גיין! צום באַהאַלטענעם גאָט — גיין! צום נאָך-נישט-אַנפּלעקטן גאָט — גיין! (פּויזע) אָבער — וואוהין? גיין, גיין, אָבער וואוהין? ברודער, זאָג! שוועסטער, ענטפער! יששכר אלישע, חנה! איך וואַרט!

ד ע ר ל ץ: (לויפט פאָרויס, טייטלט מיטן פינגער אויף פראַנקן) אָט איז ער! אָט איז ער!

(נאָכ׳ן לץ — ד ע ר ש ל י ח, אַ הויכגעוואַקסענער יונגער ייד מיט גליענדיקע אויגן. הינטער ביידן — אַן עולם ברידער און שוועסטער).

ד ע ר ש ל י ח: (פאַלט פאַר פראַנק׳ן מיטן פנים אראָפּ).

פ ר אַ נ ק: ווער ביסטו?

ד ע ר ש ל י ח: צום האַר אונדזערן דעם מעכטיקן — פרידן! און צו זיין טאָכטער, דער יונגפרוי — פרידן! אַ גרוס פון די ברידער און שוועסטער אין וואַרשע דער קרוינשטאָט, אַ גרוס פון דעם זון זון דיינעם ראָך און אַ גרוס פון דעם זון דיינעם יוסף. געוואַרט האָבן מיר, דער וועג זאָל פריי ווערן צו די אונדזעריקע, דען אַלע וועגן האָבן פאַרשטעלט די חיילות פון די מלוכות, וואָס הערשן נאָך איצט אויף דער וועלט, ביז ס׳ווערט געגרונדפעסטיקט דיין הערשאַפט. ליוב דער שוועסטער מיט דעם ברודער, וואָס די וועגן האָבן זיך געעפנט — אַזוי זאָל זיין דער ווילן, דאָס אונזערע הערצער זאָלן אָפן זיין צו פאַרנעמען די ווערטער פונ׳ם האַר.

פ ר אַ נ ק: וואָס האָסטו מיטגעבראַכט?

ד ע ר ש ל י ח: אַ בריוו פון דער עדה דיינער אין וואַרשע.

פ ר אַ נ ק: שטיי אויף און לייען.

ד ע ר  ש ל י ח: (שטעלט זיך אויף, שפרייט פאנאנדער אַ פּאַרמעט און לייענט).

צ ו ם  ה אַ ר, וואָס זיצט אויף רום, דעם העכסטן איבער די פעלקער פון דער ערד, און צו דער יונגפרוי, וואָס שטייט ביי זיין זייט, דער אַלערשענסטער פון צווישן טעכטער ערדישע און הימלישע — פרידן!

פון די ברידער און שוועסטער אין דער קרוינשטאָט
וואַרשע.

פּאַרכטיקער און גרויסער האַר, אָטעם פון אונדזערע הערצער! מיר, דיינע קנעכט און מאַגדן, קומען צו דיר מיט אַ געשריפטס. פּאַרכטיקער האַר! מיר זענען געקומען דיך בעטן, דו זאָלסט אָפּווענדן דעם אומווילן פון פאַר דעם זון דיינעם ראַך און פון פאַר דעם זון דיינעם יוסף. מיר, דיינע קנעכט און מאַגדן, קאָנען נישט פאַרגעסן, דאָס ראַך און יוסף זענען די זין פון אונדזער האַרין און דיין געליבט ווייב, חנה, געבענטשט איר נאָמען צווישן די אייביק רוענדיקע אין די קברים פון אַלשטין. דיינע זין בעטן דורך אונדז, דו זאָלסט זיי נישט איבערלאָזן אין דער קרוין־שטאָט וואַרשע ביי די פּריצים, ווי ביז אַצינד. גייערט זאָלסט זיי מיטנעמען מיט אונדז צוגלייך, ווען מיר וועלן אַריבערפאָרן די גרעניץ פון פּוילישן לאַנד און וועלן גיין צו די פעלקער און שטאַמען פון דער ערד.

פ ר אַ נ ק: (רייסט איבער דאָס לייענען, טופּעט מיט די פיס). מיינע זין, זאָגסטו? דאַרף איך דען אַזוינע זין? אַן אַנדער זון באַדאַרף איך — אַ קינד פון אַ ניי געשלעכט. ראַך און יוסף זענען גוט צום פערד־רייט, ראַך און יוסף זענען גוט צום שפּיל. אָבער נישט גוט זענען זיי פאַר דער זאַך. נישט מיטנעמען וועל איך זיי, ביי די פּריצים אין וואַרשע מעגן זיי פוילן, דען אפילו דער לץ איז מער מיינער, ווי זיי. די יונגפרוי — זי וועט מיר ס'קינד געבוירן, מיטן קינד וועט איר געבוירן ווערן אַלע, נייע מענטשן וועט איר ווערן און אַ שטאַם, וואָס גייט דורך די צוויי צום דריטן: דורך טייוול און אשה — צום גוטן גאָט. (צום שליח). וואָס קוקסטו מיך אָן? לעז ווייטער!

דער שליח: (לייענט). און איצט באַווילליג, האַר, צו פאַרנעמען די בשורה וועגן פרישע פעסער גאָלד וואָס זענען אָנגעקומען פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין דער מדינה מערן. אונדזערע ברידער און שוועסטער פון דער מדינה מערן האָבן אונדז געשריבן, דאָס מיר זאָלן אַראָפּקומען קיין עסטרייך. דען דאָרט איז אַ פּלאַץ צו פאַרפלאַנצען אונדזער וויינגאָרטן און אַריינצוגיין אינ׳ם דַעַת. אויך איז דאָרט דער הערשער אַ מעכטיקער אַדל-מענטש, יאָזעף דער צווייטער גערופן, און ס׳איז דער מאַן אַ גרויסמוטיקער און עפנט זיינע טויערן פאַר אַלע, וואָס קומען צו אים, און נעמט אָן אין זיין פּאַלאַץ יעדן איינעם פון פאָלק אויף געהער און פאַרנעמט די רייד פון די, וואָס זוכן שוץ אונטער זיין שאָטן. אונדזערע ברידער און שוועסטער אין מערן שרייבן ווייטער, אַז ווי גאָר און ווי גריילעך וואָלט זיך געקוויקט זייער האַרץ און געפרייט זייער געמיט, ווען די יונגפרוי, געלויבט איר נאָמען ביז אייביק, וואָלט אין באַגלייט פון האַר געגעבנט צום טראָן פון אַלמעכטיקן יאָזעף, וואָס ער איז אַן אַלמן נאָך צוויי פרויען און זיין דריטע איז נאָך נישט געקומען. וואָלט זיין דריטע געוועסט זיין די יונגפרוי — ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען די וועלט און ווי דערפרייט וואָלט געוואָרן דאָס האַרץ פון גרויס און קליין!

און איצט לייגן מיר אַ סוף צו די רייד און מעלדן דעם האַר אונטערטעניק, אַז דאָס גאָלד וואַרט אין די פעסער און אַז זיינע קנעכט און מאַגדן וואַרטן מיט אויסגייענדיקע אויגן און אַ גלוסטיק האַרץ אויף באַהעפטונג מיט דער מחנה פון אונדזערע טייערע ברידער און געליבטע שוועסטער אין טשענסטאָכאָוו.

(שטילקייט. אַלעמענס אויגן געווענדט צו פראַנקן).

פראַנק: יאָזעף? יאָזעף דער צווייטער? (שאָקלט מיטן קאָפּ).

דער לץ: (פון אַ ווינקל). דער צווייטער, דער צווייטער! דער שידוך איז אַ גרייטער!

ירוחם: (טרעט אָפּ פון צווישן עולם און בוקט זיך פאַרן האַר). וואָרהאַפטיק, ווי שיין וואָלט דאָס געווען, אָ האַר, ווען די יונגפרוי

שטעלט זיך צו דער זייט פון יענעם געזאַלבטן מאַן און פּירט אָן מיט פּעלקער און געבווירט דאָס קינד און באַגייט דאָס פּנים פון דער ערד!

פּראַנצישעק: (אַ צווייטער זקן). און ווי גוט וואָלט איך געווען, ווען דו, האַר אונדזערער, גויגסט דיין אויער צום געבעט פון די ברידער און שוועסטער אין דער קרויגשטאָט וואַרשע און פאַרנעמסט די בקשה פון די אָרימע זין דיינע, ראַך און יוסף, און נעמסט זיי מיט מיט אונדז, און מאַכסט זיי ווידער צו דיינע קינדער.

דער שליח: (נישט דרייסט). צאָרן נישט, האַר: געוויינט האָבן דיינע יונגען. די קינדער דיינע האָבן געזאָגט: וואָס וויל דער פּאָטער פון אונדז?

פּראַנק: קינדער... קינדער... ווילאַנג וועט איר דאָס זאָגן? ווי לאַנג וועל איך דאָס הערן? אַנדערע קינדער דאַרף איך! אַן אַנדער קינד!

דער שליח: (מיט אַן אומבאַוועגלעך פּנים). דער ווילן פונם האַר זאָל געשען.

פּראַנק: דעם ברודערס ווילן זאָל געשען און דער שוועסטערס. נאָך איז שוואַך אייער טריט, אייער פוס — נישט פון אייזן און פייער, נאָר דער גאַנג איז אָנגעהויבן — זייט געג-רייט! צינד ווייס איך, צינד ווייסט איר אַלע: נישט קיין מאָס-קווע-לאַנד, נישט איז קיין אַנדער לאַנד — קיין עסטרייך דאַרף מען גיין, צו יאָזעפ'ן דעם קייזער!

פּראַנצישעק: (חלומט) שלעסער איבערן דונאַי — שלעסער — שלעסער —

דער לץ: (מאַכט אים נאָך) אַ קרוין שווימט איבערן דונאַי — אַ קרוין — אַ קרוין —

ירוחם: (הויבט די האַנט, קוקט ערגעץ ווייט, אַלע קוקן נאָך) אַהין דער וועג!

אַלע: (פאַרבענקט) אַהין, אַהין...

ירוחם: און די קברים אונדזערע האַר, די קברים,

וואָס אלישע האָט געהיט?... די ביינער פון אונדזערע טויטע אין אָלשטין?...

פראַנק: טויט זענען די קברים און טויט איז זייער היטער. אלישע׳ן וועלן מיר אַוועקטראָגן קיין אָלשטין צוריק און אים באַגראָבן צווישן די קברים, וואָס ער האָט געהיט. לויבן וועלן מיר זיין נאָמען, זיין גייסט בעטן מיטגיין מיט אונדז — זיין גוף אָבער וועלן מיר לאָזן און זאָלן אונז טויטע אויפן וועג נישט פאַרהאַלטן.

ירוחם: און חנה?.. דיין ווייב חנה איז דאָך דאָרט! די האַרין אונדזערע... חנה...

אַלע: (ערפורכטיק געמורמל) חנה... חנה... אַוואַטשאַ׳ס מאַמע... דעם האַר׳ס ווייב... חנה...

פראַנק: אויך זי וועל איך לאָזן, ירוחם, אויך חנה׳ן. האָסט געהערט? און גיין וועלן מיר. מיר האָבן חנה׳ן — מיר האָבן איר עבן-בילד, ירוחם, מיר האָבן אַוואַטשאַ׳ן. (שטילקייט) פאַרוואָס חנה איז געשטאָרבן ווייסטו? איצט ערשט קאָן איך עס אַנטפּלעקן דיר און זיי אַלעמען. זין האָט זי מיר געגעבן, איז פון זיי קיינער נישט געווען דער מענטש, וואָס אויף אים האָב איך געוואַרט, וואָס אים האָב איך באַדאַרפט. האָט דאָס דער גרויסער ברודער דערזען און די גרויסע שוועסטער, און זיי האָבן מיין חנה׳ן די אויגן פאַרמאַכט צוליב דער נישטיקייט פון די זין אירע. דען געוואוסט האָבן זיי, אַז נישט פון איר טראַכט וועט אַרויס דאָס געגאַרטע קינד. איז זי רועץ אַוועק צווישן די קברים פון אָלשטין און אויף איר אָרט איז געקומען אַוואַטשאַ, וואָס האָט אויפגעשפּראָצט, ווי הויכער גראָז, און איר האָר איז אויסגעוואָקסן, און אירע בריסט זענען געוואָרן ווי בוי-מעל שמעקנדיקער, און זי איז געוואָרן — דיזעלביקע חנה! (שטאָלץ) איז זי נישט חנה איר מוטער? חנה׳ס אויגן, איר קול! אירע הענט! חנה׳ס עבן-בילד און דער גרויסער שוועסטערס עבן-בילד! מיר און אייך זאָל זי דעם זון געבוירן. וואָס מיר איז נישט באַשערט געווען ביי מיין ווייב — זאָל אַ מעכטיקן אין אדום באַשערט זיין. זאָל ער דער פאָטער זיין פון מיין טאָכ-

טער׳ס קינד, אדומ׳ס בלוט מיט יעקב׳ס בלוט צונויפגיסן אין אים — אין דעם נייעם מענטש, דעם נישט־געוועזענעם מענטש, דעם נאָך־נישט־געבוירענעם מענטש!

אַלע: (תפילה׳דיק) אין דעם נייעם מענטש, דעם נישט גע־וועזענעם מענטש, דעם נאָך־נישט־געבוירענעם מענטש.

(קעגנאיבער ווייזן זיך שאָטנס).

פראַנק: זעט! זעט!

אַלע: (קוקן פאַרבליפט) וועד? וואו?

פראַנק: שבתי־צבי! שרה! נתן העזתי! אברהם היכיני! אַלע! זיי אַלע! און זיי הויבן הענט, און זיי קוקן אונדז אָן, און זיי בענטשן, זיי בענטשן —

אַלע (באַדויערליך) מיר זעען נישט! מיר זעען נישט!

(לויפן מיט ברייט צעעפנטע פינגער, די שאָטנס צו כאַפּן, בלייבן שטיין אנטוישט).

פראַנק: (פאַלט אויף די קני).

די געשטאַלטן: (שטייען שטום, געבויגן די הענט).

אַלע: וואו זענען זיי? (די געשטאַלטן פאַרשווינדן).

פראַנק: (שטייט אויף) קומט! גיין! נישט געוואַרט! נאָך מיר!

(אַלע מיט פראַנקן—אָפּ. די סצענע בלייבט ליידיק. ס׳דערהערן זיך זעלנער־לידער. דערנאָך ווייזן זיך):

אַלטער סאָלדאַט (שכור, קוים אויף די פיס, פלאַקסענע באָרד, און יונגער סאָלדאַט, הויך, דאַר, מיט אַ פּיקע).

יונגער סאָלדאַט: געזען דעם ייד, דעם רויט־קליידיקן? פון דער תפיסה דאָ, פון דער פעסטונג! אַ מערדער, זנאַטשיט, אַן אַטאַמאַן אַזאַ, פאַרשטייסטו, אַ זשידאָווסקער. גייט אים דער גענעראַל אונטערדזשער, דער קיב׳ישער, פריילאָזן, פאַרשטייסטו! פּאָטאָמו, ווייל אַליין אויך אַ מערדער־יונג! דער גענעראַל אונד־זערער, אַ רוח אין זיין מאַמעס טראַכט אַריין, האָט זיך געבייזערט, האָט ער. דעם ייד, זאָגט ער, לאָזט ער נישט שטעכן, זיין טעכ־טערל אויך נישט, געהערט? פּאָטאָמו, ווייל ער גייט אים פריי־לאָזן, זאָגט ער, ער איז קיין מערדער נישט, זאָגט ער, נאָר אַן

אונדזעריקער, זנאַטשיט, פון די פּאָלאַקעס געליטן. זיי מיט די זשידעס, זאָגט ער, האָבן אים דאָ, זנאַטשיט, אַריינגעזעצט.

אַלטער סאָלדאַט: (שאָקלט זיך). עך, קאַטערינושקאַ, קאַטערינושקאַ! אין דיין מאַמע׳ס מאַמע׳ס טראַכט אַריין — אַ רוח איין מאָל און אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל! דו הער, וואָס איך זאָג, דייטשישע מאָרדע דו. וואָס מיר פּאָלשע, הורישע טאָכטער דו אַזעלכענע, וועגן מיר פּאָלשע? וואָס מיר פּאַר אַ טשענסטאָכאָוו? נו, זאָל שוין אַ רוח אין דעם גענעראַל אונדזערן דעם הינטישן און אין אַלע גענערעלער דיינע און אין די אָפּיצירן — וואָס טשטאָ!

יונגער סאָלדאַט: און דעם ייד, זאָגט ער, נישט טשעפּן, זאָגט ער. און די טאָכטער אויך נישט. די קעפּ, זאָגט ער, וועל איך אייך אַראָפּהאַקן. און אַ טאָכטער נישט קיין שלעכטע; אויגן אַזעלכענע. אַ מיילעכל! קעפּן זי, די פּאַרשאָלטענע! פּאַרשלעפּן, אַ פּייניק-טון, פּאַרשטייסטו, קעפּן און מיט די פּיס — טרעטן!

אַלטער סאָלדאַט: ווי קומסטו קריסטן שעכטן, סוקין סין? וואָס? באַסורמאַנעס זענען דאָס דיר אונגלויביקע, אומקריסטן פּאַרשאָלטענע? דו פּאַרשטיי, גענעראַל איינער: אין מאַריאַן, דער מוטער גאָטס, גלויבן זיי, ווי מיר, פּאָדליעץ דו אַזעלכענער. (פּאַלט אויף די קני מיט אַ שיכור געוויין) הייליקע בתולה הימלישע, דו נישט קוק, וואָס מיר זענען נשמות פּאַרזינדיקטע, סאָלדאַטן פּאַרפּאַלענע — שטעל דיך איין פּאַר אונדז, אָרעמע! גיב די טאָכטער דעם זשיד׳ס, דאָס זעלנערשע בלוט צו דערקוויקן!

יונגער סאָלדאַט: דו נישט טענה צו דער מוטער — זי הערט נישט! גענוג דיר, אַלטער. שטיי אויף! די וואַך גייט!

ער הויבט אים בגוואַלד און שלעפּט אַוועק מיט זיך הינטער די בוימער.

## סוף פון דריטן בילד.

# דאָס פערטע בילד.

זוניקער סוף-זומער-זונטאָג שאָסיי פון ווין קיין מע-ריש-ברין (ברנאָ). פון יענער זייט שאָסיי — די שוואַרצע וואַנט פון אַ וואַלד. פון דערווייטנס— טורעמס פון אַלטערטימלעכע שלעסער, קלויסטער-שפּיצן, מילן אויף היגלען. לינקס — אַ ווײַן-הויז. נידעריקע פענסטער; דאָרפיש. עס טראָגן זיך פון דאָרט געשרייען פון שכּור'ע זעלנער. דרויסן פאַרן ווײַן-הויז, בײַ אַ דעמבע-נעם טיש, איבער פינקלדיקע ווײַן-גלעזער — דרײַ: יאָזעף דער 2-טער, מיט-רעגענט פון עסטרײַך, דער אַלטער עסטרײַכישער קאַנצלער פאָן קאַאוניץ און אַ רוסישער גרויספירשט, וואָס פאָרט אינקאָגניטאָ איבער אײראָפּע. דער גרויספירשט איז אָנגעטאָן אין אַ גרינעם יעגער-קלייד מיט ווײַסע פעדערן אויפ'ן הוט און רויט-לעדערנע שטיוול. אויך יאָזעף דער 2-טער און פאָן-קאַאוניץ — אינקאָגניטאָ, אָנגעטון, ווי עסטרײַכישע אַדל-לייט פון יענער צייט. יאָזעף האָט דאָס אויסזען פון אַנ'עטלעכע-און-דרײַסיק-יעריקן. דאָס שאַרפע גלאַט-ראַזירטע געזיכט — קיל און פאַרמחשבה'ט. שטרענגע, ווייט-בליקנדיקע אויגן. האַבסבורגישע, גראָב אַרונטערהענגדיקע אונטערשטע ליפּ. די רינגען אויף זײַנע הענט בליצן שאַרף אויף דער זון. פון צײַט-צו-צײַט גייט אַרויס פאַר דער טיר פון ווײַן-הויז אַ קאַפּוציינער אין שוואַרצן, באָרוועס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און קוקט פון דער זייט אויף די דרײַ.

יאָזעף: אוף! ווי דאָס רייטן מאַכט מיד! (צום רוסישן גרויס-פירשט) זעט, גרויספירשט, ווי שיין דאָ איז! דער סוף זומער ליגט איבערן לאַנד ווי אַ שלייער. בײַ אײַך אין רוסלאַנד פאַלט ניִשט איצט קיין שניי?

כאַ-כאַ! אַ ווינטערדיק פאָלק די רוסן... בלויז יעקאַטערינע אייערע איז אַ וואַרעמענקע... (געשרייען פון זעלנער אין ווײַן-הויז.) מיר'ן דאָ זיצן. כ'האָב ליב צו הערן, ווי ס'קוויטשעט דאָס ביסל פאָלק, ווען עס נואָפט און שכּור'ט אַוועק די זונטאָגס. ביז פאַר-נאַכט וועלן מיר נאָך באַוויזן אָנקומען צו פראַנק'ן.

פ אָ ן ק אַ ו נ י ץ: (מיט פאַראַכטונג) שפּורע חזירים.

ג ר ו י ס - פ י ר ש ט: פאָרט פאַלק! כ'האָב האָלטער אַ מויד מיט אַ זעלנער, איידער די געקרוינטע זונה יעקאַטערינע מיט אירע ביישלעפערס די אָפיצערן. פאַסקודנע ביי אונדז, אָט וואָס!

י אָ ז ע ף: פונדעסטוועגן בין איך אייך מקנא, גרויספירשט. איר פאָרט אייך אַזוי איבער אייראָפּע, און וואו איר קומט — קאָנט איר זיך אויסמישן מיט'ן פאַלק... אָדער מיט'ן פאַלק'ס פרישע טעכטער... ווי איר ווילט... כאַ-כאַ... (פּלוצלונג, ערנסט) אָך. דאָס שוואַרצע בלוט פון אונדזער איינעם!

פ אָ ן ק אַ ו נ י ץ: איך באַליידיק מיך פאַר אייער מוטער, מאַיעסטעט. דאַרף איך אייך דערמאָנען, אַז אייער בלוט איז דאָס זעלבע העל-בלויע מְלָכים-בלוט פון דער איידעלער מאַריאַ-טע-רעזיאַ, רעגענטין פון עסטרייך?

ג ר ו י ס פ י ר ש ט: כאַ-כאַ, דאָס בלוט... זענען נישט אַלע בלוטן גלייך? רעדט ווייטער, קייזער. איך הער.

י אָ ז ע ף: בין איך נעכטן אַזוי שטיין געבליבן קעגנאיבער דעם ביסל פאַמיליען-פּאָרטרעטן. אַ באַנדע געזאַלבטע קעפּ! איך האָב מיך אָנגעלענט מיט דער האַנט אָן טיש און האָב אַריינ-געקוקט אין די פּנים'ער... וואָס איך האָב דאָרט דערזען אַזוינס, גרויספירשט? המ... וואָס איך האָב דאָרט געזען... אויגן שפּור'ע, בעזער תאווהדיקע, מאַכט-דאָרשטיקע, ליפּן אַראָפּהענגענדיקע, משוגענע. אַביסל ריטערלעך פייער און אונטערגאַנג... שקלאַפן, גרויספירשט. שקלאַפן צו מאַכט און תאווה, שקלאַפן צו משוגעת און אונטערגאַנג... איך בעט אייך: נאָך. וואָס האָט מיין מוטער מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט געדאַרפט אויסוויינען ביים פאַרלאַמענט אַ טראָן? ווייבער! ווי נאַריש! אַזאַ מאַריאַ-טערעזיאַ... זי וואָלט דאָך געקאָנט זיין אַ גוטע קלויסטער-נאָנע...

פ אָ ן - ק אַ ו נ י ץ: (מיט פאָרוואורף). מאַיעסטעט...

ג ר ו י ס פ י ר ש ט: (לאַכט). אַ נאָנע? יעקאַטערינע איז שוין דוקא ווייט פון די זאַכן... פון איר, קייזער, לאָזט זיך עס נישט זאָגן. וואָס זי האָט געטון מיט איר מאַן און קרבן, מיט פּיאָטר'ן, בלייבט דער בלוטיקער סוד פון אירע ביישלעפערס און געליבטע.

אַן אָפּגרונט איז דאָס דאָזיקע ווייב. אירע הויף־דאַמען פאַרנע־מען זיך מיט דעמאָראַליזירן יונגע אָפיצירן. און זי אַליין...

(אַ מאַך מיט דער האַנט).

יאָזעף: די פרומע מאַריאַ־טערעזיאַ, די זונה יעקאַ־טערינאַ — אַלץ איינס! אונדזער הערשער־בלוט איז שוואַרץ. די פון אונדז, וואָס זענען באַשטימט צו טראָגן קרוינען, זעצן זיך מיט אַ געבויגענעם רוקן אויף טראָגנען צו הערשן איבער פעלקער. איינגעהויקערט זיצן מיר אויפן מלוכה־שטול, ווייל אויף אונדזערע פלייצעס זיצן דורות. אויף אונדזערע רוקנס רייטן שרעק, תאווה און מאָרד.

פאָן־קאַאוניץ: איר רעדט ווי אַ היפּאָכאָנדריקער, מאַיעסטעט. ווען ניט דאָס, וואָס איך ווייס, אַז די קעניגן האָבן צוליב צייטפאַרטרייב ליב צו רעוואָליוציאָניזירן אַ ביסל... זינט איר האָט פאַרלוירן ס'צווייטע ווייב, זענט איר אַ מרה־שחורהדיקער אַלמן, מאַיעסטעט. (ניטרע) קלערט בעסער, מאַיעסטעט, וועגן דער וואונדער־שיינער אַוואַטשאַ... באַלד וועט איר דאָך זי זען, די שייניטשקע...

יאָזעף: (ווערט אויפגעלעבט) אַזאַ מין פּוילישע אַוואַטשאַ, גרויספירשט... אָט דאָס קליינע קעפל מיט דעם גרויסן קערפּער... ס'קעפל איז שמאָל און דער גוף בליט אַזוי געוואַלדיק — איז עס ווי אַ שלאַנג אויבן אויף אַ בליענדיקן בוים! וואָס ווייסט איר, גרויספירשט, וואָס פאַר אַ שלאַנגען־קעפל דאָס איז! דער סולטאַן, דער רוצח, ווען ער האָט אַזוינס אין די האַרעמען זיינע — וואָלט ער רק געשלאָפן און וואָלט געלאָזט געמאַך...

פאָן־קאַאוניץ: כאַ־כאַ... ס'וואָלט אפשר אַ פּלאַן געווען, מאַיעסטעט. דער הונט וואָלט זיך פאַרנומען מיט דער שוואַרצער אַוואַטשאַ און וואָלט אויפגעהערט צו חלומען פון דעם בלויעם דונאַי... און די אונגאַרן — זיי וואָלטן געלעגן אין די לעכער...

יאָזעף: (צום גרויספירשט) ווער איר פאָטער איז — ווייסט איר דאָך שוין. איך האָב דאָך אייך געזאָגט. פון דער טערקיי, פון פוילן, פון גאָר דער וועלט, פון... ווער ווייס אים. זינט איך האָב אים מיט דער סעקטע זיינער באַזעצט אין ברין אויף

אַ שלאָס — גייען אום וועגן אים כּל־ערליי קלאַנגען. פּירשט פּאָן־קאַאוניץ! איך האָב אייך באַפוילן אויסצופאָרשן זיין אָפּשטאַמונג. (צום גרויספּירשט) איך וויל אים מאַכן פאַר אַ באַראָן. (הויבט דעם כּוס) פאַר אַוואַטשאַ׳ן!

גרויספּירשט: פאַר אַוואַטשאַן [אַלע דריי טרינקען].

פּאָן־קאַאוניץ: פון די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען, איז נישט צו זען, פּראַנק זאָל זיין פון הויכער אָפּשטאַמונג... לײדער, מאַיעסטעט... און עס מוז זיין שטרענג... עס מוז שטרענג זיין, מאַיעסטעט! די גאָלדענע לייטער... ווען אַלע זאָלן אָנהויבן קלעטערן...

יאָזעף: (ביטער). ווייס איך... אייער גאָלדענע לייטער... (צום גרויספּירשט). אַז מיר׳ן אָנקומען אַהין — וועט איר זען, ווי דער פּראַנק האָט אין זיין פיגור מער קעניגלעכקייט, איידער די געזאַלבטע.

פּאָן־קאַאוניץ: אַ פּראָצעסיע דערנענטערט זיך.

גרויספּירשט: אַ זונטיק־פּראָצעסיע? (די דריי האָרכן).

(פון יענער זייט שאָסיי, פון הינטער׳ן וואַלד אַפער, טראָגט זיך פאַרשוואומען, הייס געזאַנג פון אַן אָנרוקנדיקן המון; דאָס געזאַנג רייסט זיך ציטנווייז איבער און דאַן גייט פּייערלעך אויף דאָס זילבערנע קול טון אַ האָרן. די ערשטע ווייזן זיך פּראַנק און זיין טאָכטער. פּראַנק — אין אַ גראָנאָסטאַיענעם מאַנטל און אַ הויכן פּירקאַנטיקן הוט. אַוואַטשאַ זעט אויס אין איר הוט און מאַנטל ווי אַ הויפישע גראַנד־דאַמע. ברייטער האַלדז־דעקאָלט; בריליאַנטענע רינגען אויף די הענט. נאָך פּראַנקן און אַוואַטשאַן גייען די נערות און טראָגן אַ קרוין. נאָך זיי — ברידער און שוועסטער פון האַר, אַלע אין רויטע און גרינע קליידער. פּייערלעך געזאַנג פון דער פּראַנקיסטן־מחנה הינטער דער סצענע. די דריי גאַפן איבערראַשט. די מחנה קומט אַלץ נענטער).

יאָזעף: פּראַנק! און אַ קרוין! אַוואַטשאַ! וואָס קומט דאָ פאָר?

פּאָן־קאַאוניץ: (האַסטיק). מאַיעסטעט! זאָלען די פערד און צוריק קיין ווין!

גרויספּירשט: (בשעת די מחנה קומט אָן, צו פּאָן־קאַאוניצן). וואָס איז ווערט אַן אינקאָגניטאָ, וואָס ווערט קיינמאָל נישט

אַנטדעקט? מיר דאַרפן פון צייט צו צייט באַוווּנדערט ווערן פון גרויסע קינדער.

פאָן-קאַאוניץ: אָבער דער כבוד פון דער דונאַי-מאָנאַרכיע! (אנטשלאָסן) מאַיעסטעט, צוריק!

יאָזעף: אָבער אַוואַטשאַ! פאָרט, אויב איר ווילט! אַוואַטשאַ דאָך צווישן זיי, דאָס געשטאַלט, וואָס היילט מיין בלוט —

(פאָן-קאַאוניץ פאַרשטעלט זיך מיט די הענט דאָס פּנים).

פראַנק: (גיט מיט דער האַנט א צייכן, די מחנה זאָל זיך אָפּשטעלן, פאַלט אויף די קני פאַר יאָזעפן).

יאָזעף: שטיי אויף! נישט ווערט איז יאָזעף, דו זאָלסט פאַר אים קניען!

(דערלאַנגט א האַנט און העלפט אים אויפצושטיין).

פראַנק: פרידן צו דיר, יאָזעף, און פרידן צו דיינע באַגלייטער די ביידע! פרידן צו דיר, גרעסטער אין אדום! איך זע אייך זאַלבעדריט! ווי סְפירות דריי אין מענטשן-קלייד קומט איר מיר פאָר, ווי סְפירות דריי אין געשטאַלט פון מענטש — און פאַר דער טיר פון הויז שטייט איר, ווי פאַר דער טיר פון אַ וווּנדער, וואָס איר היט, עס זאָל פאַר דער צייט נישט אַרויס! זאָג איך אייך: לאָזט אַרויס דאָס וווּנדער, ווייל געקומען די צייט!

אַוואַטשאַ: פרידן צו דיר, יאָזעף, און צו דיינע באַגלייטער פרידן! מיין גרוס טראָג איך דיר און מיין ליבּ — דאָס לייבּ, וואָס דו האָסט דערקענט. פון די לענדער, וואָס דו הערשסט אויף זיי, איז מיין לייב דאָס לאַנד, וואָס דו קענסט צום בעסטן, איז מיין לייב דאָס לאַנד, וואָס דו קענסט צום ווינ-ציקסטן. פרידן צו דיר, יאָזעף! פרידן, מיין יאָזעף!

(יאָזעף קוקט אויף איר פאַרשנדיק).

די מחנה: רום דער קייזער, רום, רום! (יובל).

פראַנק: היינט פרי איז איינער פון אונדזערע פאַר-בייגעריטן — האָט ער דערזען קיין ברין דריי רייטערס פאָרן, און האָט צווישן די רייטערס דעם קייזער דערקענט. און ס׳האָט

דער מענטש פאַרשטאַנען גלייך. אַז צו אונדז גייט דער וועג. האָט ער אין פרייד אין גוואַלדיקער געלאָזט זיין פערד אין אַ גאַלאָפּ און ווי אויף פליגל געקומען מיט דער בשורה אין מויל, אַז אין איבערגעטונענע קליידער פאָרט צו אונדז דער מלך פון אדום. האָב איך וואַרטן אַ מינוט נישט געקאָנט, גענומען די לייט, וואָס מיט מיר, און בין דיר אַנטקעגנגעקומען אין פרייד. האָב איך דיך איצט, דערהויבענער, מיט דיינע באַגלייטערס פאַר דער טיר פון אַ נידעריק הויז געטראָפן. די נידעריקע פענסטער היטן אַ הויכע זאַך. רום, רום, רום!

די מַהנגה: רום דעם קייזער, רום, רום!

(פון ווייןֿהויז לויפן אַרויס זונטאָגדיק שכור: דער שענקער, די שענקערין, אַ פּאָר זעלנער און אַ מויד מיט אַ צושויבערטן קאָפּ).

דער שענקער: (וואַקלט זיך, שטופּט דאָס ווייב) הערסט? זיי זאָגן: דער קייזער! נבֿלה איינע, דער קייזער!

די זעלנער: (לאַכן שכורערהייט) דער קייזער! פלעשער אים אין קאָפּ! וואו די פלעשער?

די מויד: (רייסט די האָר פון קאָפּ און וויינט, טייטלענדיק אויף יאָזעפ'ן און זיינע באַגלייטער) האַרן! הינט! וויפיל גיט איר? קנייפּן קענט איר? האַרן — הינט — האַרן! (אַ גרופּע יונגע פראַנקיסטן, געקליידט ווי אולאַנער, שפּרינגט צו מיט אַנטבלויזטע שווערדן, כאַפּט אָן די שכורים פון הינטן און שלעפּט זיי אויפס'גוואַלד מיט זיך; די שכורים ווערן זיך. נאָך אַ געראַנגל גיט זיך איין זיי אַריינצושלעפּן אין ווייןֿהויז. חברה שרייט אַרויס, וויינט, פלוכט, הויבט פויסטן, וואַרפט זיך צו טיר און פענסטער. אַ פּאָר אולאַנער פראַנקיסטן גייען אַריין אינעווייניק, אַ וואַך בלייבט ביי דער טיר דרויסן. די שכורים ווערן ביסלעכווייז באַרויקט, אינעווייניק ווערט שטיל. די אולאַנער־יונגען קומען אַרויס צוריק).

איינער פון דער וואַך: (קוקט אַריין דורכ'ן פענסטער) איינגעשלאָפן!

צווייטער: עפּעס איינער אַ שוואַרצער דרייט זיך נאָך אַרום.

אַן אולאַנער־יונג: אַ קאַפּוצינער. אָבער ער איז ניכטער.

(די וואַך טרעט אָפּ).

**פראַנק:** (צו יאָזעפן) מיט ווייניק מענטשן בין איך גע־קומען אַהער אין דעם לאַנד. איצט גיב אַ קוק און זע: איז נישט אויסגעוואַקסן מיין מחנה ווי אַ בוים איבער וואַסערן, גרויס אין צאָל און שטאַרק ווי דער דונער? איז נישט אַזוי פאַרצייטנס יעקב מיט דעם גאַנצן פאַרמעג זיינעם געגאַנגען אַנטקעגן דעם ברודער זיינעם?

**פאָן־קאַאוניץ:** (צום גרויספירשט) המ... דער פאַרגלייך איז דרייסט! ברודער! וואָס פאַר אַ ברודער איז ער אים, גרויס־פירשט?

**גרויספירשט:** ער זעט אָבער קעניגלעך אויס, דער דאָזיקער... און די טאָכטער! ווי אַ גרויס פאַרביק שפּילצייג, ווי אַ פאַנטאַסטישער אַפריקאַנישער פויגל, מיט גאָלדענע פעדערן, אויף שלאַנקע פיס...

(קוקט אויף אוואַטשאַ'ן מיט אַ שמייכל פון תאוה און באַוווּנדערונג).

**יאָזעף:** גוט האָסטו געטון, דו אַלטער, וואָס דו ביסט אַנטקעגנגעקומען. און בעסער נאָך, וואָס דו האָט די טאָכטער נישט פאַרגעסן מיטצונעמען, די פרייד פון מענער־אויגן, דעם יונגן בליטן־צווייג...

**אַוואַטשאַ:** (וואַרפט זיך מיט ברייט־צעשפּרייטע אָרעמס צו יאָזעפן). איצט דערקען איך דיך ווידער, יאָזעף, מיין יאָזעף! מיינער ביסטו, מיינער! דיין בליטן־צווייג בין איך — טאָ דערברעך דעם צווייג, וואָס דו האָסט אָנגעבראָכן, יאָזעף! דערברעך ביז צום סוף! די נעכט, וואָס איך בין געווען ביי דיר אין לאַגער — האָט נישט איין שאָטן אונדז איינגעדעקט? איז נישט איין קישן געלעגן אונטער דיין קאָפּ און מיינעם? געליבטער... קייזער... יאָזעף...

(אַוואַטשאַ פּרוּווט פאַרוואַרפן די הענט אַרום יאָזעפס האַלדז. איבערראַשט פון איר דרייסטקייט בלייבט יאָזעף אַ רגע צומישט. אַ געמורמל אין פראַנקס מחנה. יאָזעף לענט־אָפּ מיט צאַרטער פאַרזיכטיקייט אַוואַטשאַס הענט, רוקט זיך פון איר אָפּ אויף אַ פּאָר טריט און בלייבט שטיין, שמייכלענדיק צו איר מיט גרויסמוטי־קער פאַרציילעכקייט, ווי צו אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ שטות).

**פאָן־קאַאוניץ:** (אויפגעבראַכט). שווייג, דו איינע! צו ווע־

מען רעדסטו אַזוי? (באַגעגנט זיך מיט די בליקן יאָזעפס און בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ).

פ ר אַ נ ק: (מיט אַ שטראַלנדיק קול, ווי אַ פעלד־הער צו די זעלנער). דער מלך פון אדום האָט איבערגעטון די לבושים! אין קליידער פון געוויינלעכן אַדל שטייט דער מלך פון אדום! גרויס איז דער סוד פון לבושים איבערגעטונענע! און ביי זיין זייט — ווער שטייט? יעקב'ס טאָכטער ביי זיין זייט! קינדער! צייטיק ווערט די זאַך, פלאַצן וויל די פרוכט, באַלד פאַלט פון בוים דער עפּל. זינגט! זינגט!

מ אַ ס ן - ג ע ז אַ נ ג.

בויגט דעם אַלף צו דער תּיו!
לאָזט דעם אַלף טרינקען גיין;
תּיו איז ברונעם, אַלף — שאָף!

פירט דעם אַלף צו דער תּיו!
נאָכן טרינקען — שלאָפן גיין;
פירט אים זינגענדיג צום שלאָף!

בויגט דעם אַלף, בויגט דעם אַלף,
בויגט דעם אַלף צו דער תּיו!

(די גאַנצע צייט פון געזאַנג שטייען אַוואַטשאַ און יאָזעף קעגנאיבער זיך און קוקן זיך אָן לאַנג, דורכדרינגלעך, פאַרעקשנט, ווי וועלנדיק דערגיין איינער דעם צווייטנס מחשבות. דער גרויספירשט הערט זיך איין מיט נייגער פון א גאַסט, דער אלטער פאָן־קאַאוניץ מאכט זיך נישט זען און מורמלט עפּעס, ווי ער וואָלט אין דער שטיל, פאר זיך, געשאָלטן).

ד ע ר ו ו אַ נ ד ע ר - ק אַ פּ ו צ י נ ע ר: (שטייט אין פענסטער פון וויין־הויז, קוקט שטיל און אומבאוועגלעך א פּאָר מינוט, נישט ווערנדיק פון קיינעם באמערקט).

פ אָ ן - ק אַ א ו נ י ץ: (קאָן זיך נישט איינהאלטן, צום גרויספירשט). נישט וואָר, אויסטערליש? אַ געזינדל פאַרביקע אַזיאַטן מאַכט זיך משוגע, און קייזער יאָזעף צווישן זיי, ווי זייערס גלייכן!

ג ר ו י ס פ י ר ש ט: איך פאַרשטיי נישט דאָס געזאַנג זייערס, פירשט. פרעמד זענען די טענער און ניי פאַר'ן געהער. איך

הער, ווי אונטערערדישע קוואַלן שרייען... בוימער, וואָס וואַקסן דורות־לאַנג אין היילן, נעמען פליען צו דער זון... די היילן עפענען זיך... די בוימער פליען אַרויס... איר זעט, ס'אַרא אויגן די מענטשן האָבן? ווען איך וואָלט געקאָנט קניען מיט זיי צו־זאַמען... זינגען צו עפּעס... אַרויפפליען צו עפּעס...

פּאָן־קאַאוניץ: גרויספירשט, איר ווערט אַ דיכטער, און איך בין אַן אַלטער דיפּלאָמאַט. היילן... זון... אַרויפפליען... און איך זאָג, אַז דאָס האָט אייך אַלע פאַרדרייט די קעפּ דער משוגענער רוסאָ!

(דרייט פאַרדראָסיק די וואָנצן און קוקט מיט שנאה אויף פראַנקן און אוואַטשאַן). דעם קייזערס שפּיל ווערט געפערלעך.

דער וואַנדער־קאַפּוצינער: (וואָס איז פריער מינוטן־לאַנג געשטאַנען אין פענסטער און איז דערנאָך פאַרשוואונדן, קומט פלוצלינג אַרויס און אַ שוואַרצער מאַסקע אויפן פּנים און שטעלט זיך פונדערווייטנס קעגנאיבער יאָזעפן מיט אַ פייערלעך געהויבענער האַנט, ווי איינער וואָס גיט אַ צייכן. שטומע סצענע. קיינער וואַגט נישט צו ריידן אַ וואָרט. אָפּוואַרטן. שרעק. פייערלעכקייט. התעוררות אין פראַנקס מחנה).

פּאָן־קאַאוניץ: (שטערט דער ערשטער די שטילקייט, דרייסט צו יאָזעפ'ן). מאַיעסטעט! מען קאָן פון זינען אַראָפּ... שדים אין מאַסקעס... זינט דער פראַנק איז אַהערגעקומען — איז דאָס לאַנד פול סודות... איך דערקען נישט עסטרייך!...

גרויספירשט: (נעמט אים אויף אַ זייט). ערגערט זיך נישט, פירשט. נעמט עס אויף ווי אַ צושויער. אַ געהיימניש־פולער וואַנדער־קאַפּוצינער! און אין אַ מאַסקע! שטייף! מיט אַ געהויבע־נער האַנט! ווי אַ גייסט פון אַ טויטן! אַזוינס געשעט נישט יעדן טאָג.

(דער קאַפּוצינער אין מאַסקע שטייט נאָך אַלץ אומבאַוועגלעך, די האַנט געהויבן).

יאָזעף: (צו פראַנקן). ווער איז עס?

פראַנק: איך קען אים נישט, קייזער. (פויזע).

(קאַפּוצינער קוקט אויף יאָזעפן, ברענט אים דורך מיט די אויגן און שווייגט. דערנאָך הויבט ער פאַמעלעך אָן צו ריידן, די האַנט האַלטנדיק געהויבן).

קאַפּוציינער: איך וואָרן דיך: פראַנק גרייט אַ פאַר־שווערונג.

פאַן־קאַאוניץ: אַ פאַרשווערונג!!

גרויספירשט: (נייגעריק). אַ פאַרשווערונג?..

קאַפּוצינער: פראַנק שיקט מענטשן אין דער טערקיי! נישט לאַנג האָט ער אַהינגעשיקט מאַטעאוש מאַטושעווסקי'ן! קוק אָן זיינע לייט — און זע: זיי טראָגן שווערדן ביי דער זייט! זיי איבן זיך אין געפעכט! זיי גרייטן זיך צו מלחמות! צינד זענען זיי דיר אַנטקעגנגעקומען, אָבער אומברענגען דיך איז זייער מיין! פאַלשקייט אין זייער האַרץ! אומריין די מַעשים זייערע! דער פאַלשסטער פון זיי, דער ערגסטער — פראַנק!

יאָזעף: ווער ביסטו, וואָס איך זאָל דיר גלויבן?

קאַפּוצינער: איבער דיין לאַנד גיי איך אום, אַלמעכ־טיקער, און מיין וועג איז פון דאָרף צו שלאָס, און מיין וועג איז פון שלאָס צו שטאָט. איך קוק מיך איין, איך הער מיך צו — און זוך די שפורן פון אומטריישאַפט און פאַרראַט.

יאָזעף: (נאָך א רגע נאָכדענק). אַ דאַנק, קאַפּוצינער. נאָר נישט פון נעכטן קען איך פראַנקן און נישט קעגן מיר זענען די שווערדן פון זיינע לייט געווענדט. ס'זענען אַנדערע שווערדן. (צו פאַן־קאַאוניצן). ווי מיינט איר, פירשט? דער כיטרער קאַפּוצינער מוז זיין אונטערגעשטעלט פון די גלחים. זייערע קלויסטערס פאַר־מאַך איך און פראַנקן מיט זיין סעקטע האָב איך אַוועקגעגעבן אַ שלאָס — קאָנען זיי נישט רוען.

קאַפּוצינער: (שטרענג). איך האָב געזאָגט. איך האָב געוואָרנט. איך האָב מיין האַנט געהויבן — און געוואָרנט.

קולות צווישן דער מחנה: פאַר וואָס ווערט זיין צונג נישט צעבראָכן אין מויל? וואָס זינקט נישט איין אונטער אים די ערד? וואָס פאַלט זיין האַנט נישט אַראָפּ ווי אַ דאַרע צווייג!?

ירוחם: (וואָס שטייט צווישן די ערשטע). לאָז מיך, האַר, און מיט דער שווערד וועל איך די מאַסקע אים פון פנים אַראָפּהאַקן!

פראַנק: (מיט זיכערקייט פון טיפן גלויבן) אַז יעקב איז אַנטקעגנגעגאַנגען עשׂו'ן זיין ברודער — האָט אים אויך געטראָפן עמיצער און האָט זיך געראַנגלט מיט אים. און דערנאָך האָט יענער עמיצער געזאָגט צו יעקב'ן: בענטש מיך! (צו יאָזעפן) קייזער! אָט וועסטו זען: צוגיין וועל איך צו אָט דעם שוואַרצן און אים זאָגן, וואָס איך האָב צו זאָגן — וועט דער שוואַרצער אויפהערן צו רעדן שלעכטס אויף מיר און אויף מיין מחנה און וועט אַראָפלאָזן די האַנט און וועט שטיין און וועט שטילשווייגן.

(לאָזט זיך גיין צום קאַפּוצינער).

פאָן-קאַאוניץ: דער סעקטאַנט האָט פאַנטאַזיע... המ...

(יאָזעף און דער גרויספירשט שווייגן).

ירוחם: (שרייט אין דער מחנה אַריין) ס'איז אַ נסיון! ס'איז גאָרנישט! ס'איז אַ נסיון! דער האַר וועט זיך נישט לאָזן! מחנה, גרייט זיך!

(שטאַרקע באַוועגונג צווישן דער מחנה).

אַוואַטשאַ: טאַטע! וואָס וויל דער שוואַרצער? וואָס מישט ער זיך אין אונזער פרייד אַריין?

פראַנק: האָסט מורא? (צום קאַפּוצינער) ווייס איך דען נישט, אַז דו פאַרשטעלסט זיך? ווייס איך דען נישט, אַז דו ביסט פייער אין שוואַרצע קליידער? ווייס איך דען נישט, אַז דו קומסט מיין כח אויספּרוּוון? און דו אַליין — ווייסטו דען נישט, אַז פראַנק איז דער פריינט פון דעם, וואָס האָט דיך געשיקט אַהער — פון דעם גרויסן ברודער? ווייסטו נישט, אויספרובער, ווייסטו נישט, פאַרשטעלטער, אַז געקומען בין איך שלום-מאַכן צווישן דעם גרויסן ברודער, דיין האַר, און דעם גוטן גאָט:? טאָ לאָז די האַנט אַראָב! לאָז די האַנט אַראָפּ! לאָז אַראָפּ, זאָג איך!

קאַפּוצינער: (וואַקלט זיך, דענקט-נאָך, לאָזט אַראָפּ צום סוף די האַנט. יובל איז פראַנקס מחנה).

ירוחם: (באַגייסטערט) ברילט דער לייב — ווער פאָרכט דען נישט? דער האַר האָט געשפּראָכן — ווער ווידערשפּעניקט?

פאָרכטיק זיין וואָרט, פעלז — זיין באַפעל, גוטס און שלעכטס איז אים אונטערטעניק!

קולות פון דער מחנה: לויב דעם האַר! לויב! לויב!

פראַנק: שד פאַרשטעלטער! אַ וואָרט גיב, אַז דו וועסט רויק זיין!

קאַפּוציִנער: גוט. ווילסט — קאָן איך שטיין און מיך צוקוקן, וואָס דאָ וועט זיין. סיי־ווי איז מיין פּנים פאַרדעקט — און דו זעסט נישט, וואָס אויף אים שטייט, ווען איך זאָג דאָס דיר.

(שטעלט אָן ביידע אויגן אויף אוואטשאַ'ן; קוקט לאַנג, דורשטיק, אומבאַוועגלעך; אַלע שווייגן).

אַוואַטשאַ (מיט פּחד) וואָס קוקט ער מיך אָן אַזוי? בליצן שיקט ער צו מיר! שוואַרצע בליצן!

קאַפּוציִנער: ווען דו וואָלסט זען מיין פּנים!

פראַנק: וואָס שרעקסטו דיך, קינד? האָסט דאָך געזען: איך האָב אים שטיל געמאַכט (צו דער מחנה) און איצט, אַז אויך דער אויספּרובער איז אונזערער, שטייט־אויף, קינדער, און האָרכט, שטייט־אויף און זעט, שטייט־אויף און זייט געגרייט צו דעם, וואָס געשעט פאַר אייערע אויגן און אין אייערע טעג! (צו יאָזעפן; שטאָלץ) מעכטיקער פון צווישן אדום, געזאַלבטער פון רוימישן רייך! פאַרנעם די רייד פון יעקב — און זאָלן הערן מיט דיר הימל און ערד! דיר גייט אַ קינד געבוירן ווערן, קייזער, דאָס קינד, וואָס וועט אונדז טרייסטן, דער ערשטער שפּראָץ פון אַ נייעם פאָלק, פון אַ שטאַרק געשלעכט, פון אַן אויסגעלייזטן שטאַם! באַצווינגער פון פעלקער, אַ בשורה ברענט אויף מיין צונג און אַ וואָרט פון גרויסער פרייד. בענטש יעקבס טאָכטער, וואָס שטייט דאָ מיט דיר! זינגט ס'איז דאָרט אין פעלד, אין לאַגער, אויפגעגאַנגען איר אומבאַפלעקט לייב ווי יונגער קאָרן פאַר דיין אָנגעזיכט אין זינט געהייליקט איז געוואָרן צו דיר, הערשער פון אדום, די יונגפרוי, וואָס איז געהיט געוואָרן פון אַ מאַנ'ס באַרירונג — קוקן אַגדערש אויס די טעג. די שעה'ען האָבן דעם גאַנג געענדערט, אַלע זייגערס ווילן טאַנצן. דען

נישט ווי אַלע יינגפרויען איז אַוואַטשאַ, די ריינע פרוכט פון מיינע לענדן, געגאַנגען צום געלעגער פון אַ מאַן. מיט איר, אָ קייזער, איז צום געלעגער דיינעם געגאַנגען די וועלט, אַלע ספירות האָבן זי באַגלייט מיט ליכט אין די הענט, אַלע שטערן האָבן איר אויפ׳ן וועג געזונגען אין דער ערשטער נאַכט און אין די ווייטערדיקע. נישט ווי רות האָט זי פאַרגנב׳עט זיך צום שייער פון אַ פרעמדן מאַן און נישט אויף שפּיץ פינגער איז זי צו דיר געקומען, נייערט אויף דיין רוף איז זי געגאַנגען שטאָלץ און מיין מחנה האָט געוווּסט פון יעדער נאַכט, ווען אַוואַטשאַ גייט צום קייזער, און דאָפּלט האָט זי זיך געפרייט אין אַזאַ נאַכט, און האָט געטאַנצט. וואונדערן פלעגן זיך די איינוואוינער פון ברין: וואָס ברענט אַזוי, וואָס דונערט אין דער נאַכט אַריין דער אַלטער שלאָס פון זיבנבורגער פירשטן? אָ, די נעכט, ווען אַוואַטשאַ איז צום קייזער אַוועק, צום קייזער פון אדום! פאַרזייט איז געוואָרן אין יענע נעכט דער גאָרטן! אין יענע נעכט האָבן אדום מיט יעקב׳ן זיך געטראָפן און די הייליקע יונגפרוי איז געוואָרן די מוטער פון נייע דורות! (צו אוואטשא׳ן) נעם, טאָכטער, אַראָפּ דיין הוט, און וואַרף אַרונטער דיין מאַנטל, און אַנטפּלעק זיך אין דיין מלכות-קלייד, און טו דיין קרוין פון גאָלד אָן, און שטעל דיך, קעניגין, צום קייזערס רעכטער האַנט! (עקסטאז) ה ע י, נ ע ר ו ת! ד י ק ר ו י ן ד ע ר ל אַ נ ג ט!

(די נצרות טראָגן צו די קרוין זינגענדיק, העלפן אוואטשאן אראָפּנעמען הוט און מאַנטל, פראַנק נעמט די קרוין אין האַנט. אוואטשא שטעלט אונטער דעם קאָפּ. דער האָרן שאַלט).

י אָ ז ע ף: (צו-ערשט נייגעריק, דערנאָך — אַלץ מער פאַרווירט, צולעצט צאָרניק, הערשעריש, אויסער זיך) ביסט פון זינען אַראָפּ, אַלטער! האָסט אַ שרפה אין קאָפּ! פאַרריקט איז וואָס דו טוסט. נישט צום פאַרשטיין דיינע רייד. ווי אַ מעסער אין אַ שכור׳ס האַנט — די ווערטער אויף דיין צונג. פאַרשאָלטענער! אומגליק-לעכער!

פ אָ ן - ק אַ א ו נ י ץ: מאַיעסטעט, דער משוגענער ייד וויל אייך אומגליקלעך מאַכן!

גרויספירשט: שטערט נישט, פירשט. די שענסטע בלעטער פון שענסטן ראָמאַן – וואָס זענען זיי קעגן דעם, וואָס איך זע דאָ?!

פראַנק: (פייערלעך צו אוואַטשאַ'ן) איז אַ פאַלש וואָרט אַרויף אויף דיין צונג? האָסטו אפשר מיך געגנאַרט און די מחנה מיינע? זאָג: וועט נישט דער קייזער זיין דער פאָטער פון דיין קינד, אוואַטשאַ?

(אין דער מחנה – שטוינונג).

אוואַטשאַ: (שרייט, טייטלענדיק אויף יאָזעפן) פאַר אים, פאַר דיר און פאַר אייך אַלע זאָג איך: ער! ער – דער מאַן! ער – דער פאָטער!

דער קאַפּוציינער: (פלוצלינג; צעצויגענע ווערטער) נאָך וואָס ביסטו, אוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? נאָך וואָס ביסטו, אוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? (קיינער הערט נישט).

ירוחם: (אין דער מחנה אַריין) געהערט! ער! ער!

אַלע (נאָך אים) ער! ער!

יאָזעף: משוגעים! משוגן מיידל דו! (צו פראַנקן; מיט פאַראַכטונג) ס'איז אפשר געווען אומזיסט? און ווער האָט דיין טאָכטער די הענט אין רינגען אויסגעזעצט? ווייניק נאָך? אַ קרוין דאַרף איך איר אויפ'ן קעפּל אַרויפזעצן? אַ קרוין, אַלטער אָבּ-נאַרער איינער? ווייניק נאָך וויבער טראָגן קרוינען? דאַרף נאָך אפשר צו יעקאַטערינאַ'ן און טערעזיאַ'ן אַנ'אוואַטשאַ צו-קומען? ווי? (צום גרויספירשט) איך ווער בעסטיאַליש, גרויספירשט. איר זאָלט אויף מיין ביישפּיל לערנען, ווי מען טאָר זיך קיינ-מאָל נישט אַראָפּלאָזן צום המון אַזוי טיף, ער זאָל אונדז קאָנען אַריינשלעפּן אין זיין בלאָטע... זיי זאָגן: נאַטור... כאַ.. כאַ.. נאַטור... טאָלעראַנץ... אין דער ליבע זיין טאָלעראַנט ווי אין דער פּאָליטיק איז געפערלעך, נישט וואָר? וואָס קוקט איר? קומט! לאָמיר אַוועק פון דאַנען! (האַלב געווענדט צו פראַנק'ן) איך, יאָזעף, וויל לויפן פאַר דער קרוין, ווי קין פאַר הבל'ס שאָטן – און זיי קומען מיט אַ קרוין אין האַנט... דער ווילדער ייד מיט זיין ווילדער טאָכטער זענען קרוין-דורשטיק, כאַ-כאַ, טראָן-דורשטיק...

וואָס מיר איז צום עקל שוין — איז זיי צום חלום... (צו אוואַטשאַ'ן) דו טראָגעדיקע מויד... דו עקלדיקע... (צו פּ.-קאַאוניצ'ן) געבנוג פּאַר מיר! צו די פערד, פירשט פאָן-קאַאוניץ!

(לאָזן זיך גיין).

פ אָ ן - ק אַ א ו נ י ץ: (דרייט זיך אום צו פראַנקן און זיין מחנה) זיין מאַיעסטעט האָט שוין געבנוג די אַ ו ו אַ נ ט ו ר ע!

ג ר ו י ס פ י ר ש ט: (גייענדיק, צו פאָן-קאַאוניצן) איך בין נייגעריק צו וויסן, ווי וועט דאָס אויסזען שפּעטער. איר רעכנט זיי גאָר-נישט צו טון?

פ אָ ן ק אַ א ו נ י ץ: זאָלן זיי טון, וואָס זיי ווילן.

(אָפּ זאַלבעדריט. הינטער דער טצענע הערט זיך, ווי רייטערס פאָרן אָפּ. שטומע פאַרלוירנקייט אין דער מחנה).

פ ר אַ נ ק: (פאַרשטיינערט).

ד ע ר ק אַ פּ ו צ י נ ע ר: (קוקט דורך דער מאַסקע מיט גליענדיקע אויגן, וואָס הערן נישט אויף צו רעדן).

אַ ו ו אַ ט ש אַ: (לאָזט זיך לויפן מיט צושפּרייט הענט) אָפּגע-פאָרן? אַוועק? נישטאָ מער? דיין קינד אין מיר, דיין קינד, און דיך אַליין וועל איך נישט האָבן מער? דיך נישט האָבן מער? ניין? יאָזעף! קום צוריק, יאָזעף! (וויינט און רייסט דאָס קלייד אויף זיך).

פ ר אַ נ ק: זיין קינד אין דיר איז נישט דאָס וועלט-קינד! נישט אַזאַ קינד האָט דיין פאָטער געמיינט! (צו דער מחנה) דער מלך פון אדום האָט די יונגפרוי פאַראומריייניקט. דאָס קינד זאָל שטאַרבן אין איר. נישט עפּענען זאָל עס די אויגן צו זען די זון.

אַ ו ו אַ ט ש אַ: פאָטער, דו האָסט אים דערצאָרנט! נאָך וואָס האָסטו מיך קרויגען געדאַרפט? נאָך וואָס?

קולות פון דער מחנה: צו אַ זונה האָט ער געמאַכט די יונגפרוי... צו אַזונה געמאַכט די יונגפרוי...

נ ע ר ו ת: וועט אַ ממזר-יונג געבוירן די יונג-פרוי... אַ ממזר-יונג... אַ ממזר-יונג...

י ר ו ח ם: (אין דער מחנה אַריין) געפאַלענערהייט איז זי צ‏לץ נאָך יונגפרוי! פאַרדאַרט זאָל ווערן די צונג פון

אומגלויביקע! רעדט נישט און וואַרט אויף באַפעלן פון יעקב דעם האַר.

דער לץ: (שפּרינגט פלוצלינג אַרויס פון צווישן דער מחנה, וואו ער איז ביז איצט געשטאַנען, שטעלט זיך אָפּ אין מיטן לויפן צווישן פראַנק'ן און אַוואַטשאַ'ן, טייטלט אויף זיי און אויפן קאַפּוצינער, שטעלט זיך דערנאָך אויף אַלע פיר ווי אַ הונט און שאָקלט מיטן רויטן מיצל).

דער לץ: אַ הייליק מיידל, וואָס טראָגט, אַ נביא, וואָס שטייט פאַרצאָגט, אַ שוואַרצער אין אַ מאַסקע אָן רייד, אָן ריר — און אַ לץ אויף אַלע פיר!

ירוחם: (שטויסט אים מיטן פוס) אַנטשטומט ווער, לץ! צוריק, הונט איינער, אין דער מחנה אַריין! (יאָגט אים).

דער לץ: (וויינענדיק) וואָס שטופּסטו זיך? וואָס שלאָגסטו זיך? איך בין דאָך אַ לץ, איך בין דאָך אַ תּם! איך מוז מאַכן גראַם! איך מוז מאַכן גראַם! (אַנטלויפט אויף אַלע פיר אין דער מחנה אַריין).

פראַנק: (מיט אויפגעהויבענע הענט צום המון) שווערדן האָב איך אייך געגעבן — און איר שווייגט! אויף פעלזן האָב איך געזייט מיין וואָרט און צו די פעלזן רעד איך ווידער, אפשר באַקומען זיי אַן אויער צום הערן. איך, אייער האַר, באַפעל אייך! די שווערדן הויבט! אָן דעם מלך פון אדום נקמה נעמט! (די מחנה שווייגט) איר ווילט נישט? איר צעגערט? (פּויזע) אַ פערד גיט אַהער און איך יאָג נאָך אים! זיין קאָפּ וועל איך אים אַראָפּנעמען! אַרויפליייגן וועל איך דעם קאָפּ אויף דער דאָזיקער זון, וואָס איבער אייך אין הימל גייט, און זאָל דאָס בלוט פון קאָפּ זיינעם אַראָפּטריפן אויף אייך!

אַוואַטשאַ: (ליידנשאַפטלעך) פאָטער! יאָזעפ'ס קאָפּ וועט פון דיין האַנט נישט פאַלן!

פראַנק: דו וואַגסט?

אַוואַטשאַ: יאָזעפ'ס קאָפּ האָב איך געגלעט, יאָזעפ'ס קאָפּ האָב איך געקושט, יאָזעפס קאָפּ האָב איך אין מיינע הענט געהאַלטן!

(צו דער מחנה) הערט! איך בין ווי אַלע!

ירוחם: (פאַרדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט). ווי, שווער איז דער וועג פון אונדזער האַר און טיף איז ער. קומט אויס צו הערן אַזוינע רייד — דאַרף מען די אויערן נישט געטרויען און נאָך מער שטאַרקן זיך אין גלויבן. דער האַר ווייסט וואו ער פירט.

אַן אַלטער פּראַנקיסט: (דערנעבן). ווען מען פלאַנצט אַ ווייגאָרטן, גיט ער דען גלייך זיין פרוכט? מיר גראָבן אַ ברונען. מוז אַרויס צוערשט מוטנע וואַסער, דערנאָך וועט זיך ווייזן קלאָר וואַסער!

די נערות: (האַלב באַדויער, האַלב מיידל־פרייד). ווי אַלע! ווי אַלע! זי זאָגט, זי איז ווי אַלע!

קולות צווישן דער מחנה: יעקב׳ס טאָכטער איז גאָרנישט און איר קינד איז גאָרנישט!

יונגער פּראַנקיסט: (רעדט אין דער מחנה אריין). און אויב איר קערפּער איז ווי אייערע קערפּערס — וואָס קניט איר צו שטויב? און אַז הונדערט מאָל וועט זיך בוקן שטויב צו שטויב — וועט זיך בעסערס באַקומען ווי שטויב? עפּעס אַנדערש ווי שטויב?

איינצלנע קולות צווישן דער מחנה: שטויב, שטויב, שטויב!

(אַ פּאָר אַלטע פּראַנקיסטן לויפן צו צום יונגן און הויבן אים אָן צו רייסן און שלעפּן ביים קלייד).

דער קאַפּוצינער: (ווי פריער). נאָך וואָס ביסטו, אַוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? נאָך וואָס ביסטו, אַוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? (הויבט אָן שטעלן טריט צו אוואַטשאַן).

אַוואַטשאַ: (איבערגעשראָקן, דערנאָך תחנונים׳דיק). קאָנסטו מיר העלפן, שוואַרצער? ווער ביסטו? (דער קאַפּוצינער רייסט אַראָפּ די מאַסקע).

אַוואַטשאַ: דו... פון יענער נאַכט... מאַל... מאַליוודאַ...

מאַליוודאַ: איר זעט? איר זעט? דאָס האָט דער האַר אייערער מיך, זיין אַלטן שונא, אָנגענומען פאַר אַ שליח פון גרויסן ברודער!

פ ר אַ נ ק: (קוקט אים לאַנג אָן; דערנאָך, ווי דערמאָנענדיק זיך). דו?...

מ אָ ל י ו ו ד אַ: האָסט דערקענט, פראַנק? איך, מאָליוודאַ! דער, וואָס האָט דיינע רייד איבערגעזעצט אויפן לעמבערגער וְכּוּחַ, ווען דו ביסט, ווי אַן עלנדער וואָלף, געזעסן צווישן רבנישע בערד פון איין זייט און גלחישע צלמים פון דער צווייטער! דער, וואָס האָט דיך פערמסרט פאַר די ביסקופן אין וואַרשע...

פ ר אַ נ ק: (מיט פאַראַכטונג). און איצט ביסטו, עלנטער, געקומען מיך פאַרמסרן פאַר דעם פאַרפירער פון מיין טאָכטער?

מ אָ ל י ו ו ד אַ: דאָס פאַרמסרן איז אומזיסט געווען דאָס מאָל. משוגענער ייד! זיך אַליין האָסטו פאַרמסרט. אויף שנאה בין איך געגאַנגען און אויף מסירה, נישט געהאָפט אויף ליבע און — אויף צוואַטשאַן... אָבער יאָזעף איז אַוועק, האָסט אים פאַריאָגט פון זיך — און איצט? (צו צוואַטשאַן) איצט באַגעגן איך די שעה, וואָס איך זוך פון יענער נאַכט אָן! אויף די גאַסן פון ווין האָב איך געלויערט און פאַרן שלאָס אין ברין האָב איך געוואַרט. די שעה האָט זיך באַהאַלטן פאַר מיר. איצט טרעף איך זי דאָ, אויף דער טראַקט, צווישן פעלדער און האַרבסט-זון, און איך דאַרף מער נישט קומען ביינאַכט. ווי אַ הערשער רייד איך צו דיר איצט אין די אויגן פונ׳ם טאָג. די שעה מאַכט מיך שטאַרק.

אַ ו ו אַ ט ש אַ: אַזוי גרויס קאָנסטו ליב האָבן? אַזוי גרויס? און פון יענער נאַכט נאָך? פון יענער? און דיך אַרט נישט, וואָס אַן אַנדערער איז געווען פאַר דיר? און דיין האַרץ, מאָליוודאַ, קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן? אַזוי לאַנג האָסטו דיין חלום געהיט? (שטיל). ער איז אַוועק, דער שטאָלצער. ווי קליין איז ער אין מיינע אויגן, ווען כ׳קוק דיך אָן אַצינד. זיין נישט קענען מוחל זיין, נישט קענען ליב האָבן... און דו... (אנטציקט). שטאַרקער!!

מ אָ ל י ו ו ד אַ: (ווייזט אויף פראַנקן). נישט דער קייזער

האָט דיך פאַרפירט, אַוואַטשאַ, נאָר ער! ער! (כאַפּט זי בײַ דער האַנט און ציט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט). קום! דו ביסט חנה!

פ ר אַ נ ק : (פאַרציטערט) חנה?!

מ אָ ל י וו ד אַ : אַז איר וועט געבוירן ווערן דאָס קינד — וועל איך אים זײַן צום פאָטער!

אַ וו אַ ט ש אַ : הערט, אַז מיר וועט געבוירן ווערן דאָס קינד — וועט — ער — אים — זײַן — צום — פאָטער!

מ אָ ל י וו ד אַ : די ליפּן דײַנע...

אַ וו אַ ט ש אַ : די ליפּן מײַנע... (גיט אים די ליפּן, זיי האַלזן זיך)

(עס הערן זיך אומרויקע געשרייען צווישן דער מחנה, פראַנק ווערט פּלוצלינג אַרומגערינגלט פון המון. בייזע, עלנדע, אָבגעבאַרטע אויגן קוקן אים אָן).

ק ו ל ו ת : און אַצינד? וואָס וועט זײַן?

ד ע ר ל ץ : (קומט צושפּרינגען; מיט אַ ניגון). געמאַכט אַ משא-מתן! דאָס קינד האָט שוין אַ טאַטן! דאָס קינד האָט אַ טאַטן!

י ר ו ח ם : (בלייך). האַר, וואָס זאָלן מיר טון אַצינד? זאָג!

פ ר אַ נ ק : (מיט אַ פינגער צום הימל)
לעשט אויס די זון!..

## סוף פון פערטן בילד.

# דאָס פינפטע בילד.

אַ קעלער אונטער פראַנקס פּאַלאַץ אין אָפּנבאַך. אין מיטן איז טונקל־דערגעלייגט אַ פייער, וואָס מאָלט פאַנטאַסטישע פיגורן אויף די ווענט און באַלייכט אין הינטערגרונט אַ ריי טרעפּ, וואָס פירן צו אַ שווערער אייזערנער טיר. אויף אַ מאַסיוון דעמבענעם טיש שטייט אַ הויכער, בלאַס־גלאַנצנדיקער טראָן. אויפן טראָן, דאַר און אומבאַוועגלעך, זיצט אַ שאָטן־געשטאַלט — דער גולם.

נישט ווייט פון שייטער־הויפן זעט מען זיך וואַלגערן אַ גראָבע רעטאָרטע און פאַרשידענע אַלכעמישע מכשירים.

אין דער פינסטערער שטילקייט הערט זיך מינוטנלאַנג דאָס זשומענדיקע געזאַנג פון׳ם פייער.

די אייזערנע טיר עפנט זיך. פון די טרעפּ נידערט אַראָפּ אין קעלער דער בעש״ט. אָנגעטון ווי אַ בעל־עגלה. גיט אַ קנאַק מיט דער בייטש, קוקט זיך אַרום איבערן קעלער און נעמט מיט די פּאָדקאָוועס פון די הויכע שטיוול אויסקלאַפּן אַ טאַנץ, מיט דער בייטש אין לופטן פּאָכנדיק. ס׳פייער זינגט הויך און העכער, דער בעל־עגלה טאַנצט, די בייטש פייפט און וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן.

**בעש״ט:** (טאַנצנדיק) לעבעדיק, פּאָדקאָוועס, לעבעדיק! ממזרדיק, בייטשל, ממזרדיק! ליכטיק אויבן, ליכטיק אונטן, גאָט אויבן, גאָט אונטן, פריילעך אין הימל, לוסטיק אין קעלער — וויאָ! כוחות אומריינע — וויאָ צו גאָט! וויאָ, פערדלעך, וויאָ! לעבעדיק, פּאָדקאָוועס, — וויאָ! לעבעדיק, שראַליק, — וויאָ! פייף, בייטשל, בהרחבה פייף! און טאַקע יאָ ליכטיק, טאַקע יאָ! וויאָ!

(אָפּגעטאַנצט, זעצט ער זיך אויף דר׳ערד און קוקט — מיט דער בייטש אין האַנט — מינוטנלאַנג אַרויף צום גולם אויפן טראָן. לאַנגדויערנדיקע שטילקייט).

**בעש״ט:** ליבער, האַרצעדיקער גאָט! ווייסט דאָך, אַז איך און די מייניקע גייען מיר אים נאָך, אָט דעם פראַנק דעם

דאָזיקן, טריט ביי טריט. מיר צושטערן אים פונדערווייטנס זיינע אַלע אָדלערישע נעסטן. פון אַלע הויכקייטן שלעפּן מיר אים אַרונטער. קום איך, ישראל־בן־אליעזר פון אָקופּ, אים אַוועקצונעמען ס'לעצטע. זאָל דיין נאָמען דערהויבן ווערן איבער און אַריבער און זאָל אָפּטרעטן זיין נשמה פון אירע בלאָנדזשערייען און זאָל זי זען, אַז מען באַדאַרף דיך נישט, חלילה, אַרומזוכן מיט ליכט און מיטן טאָג, באַווייל דו ביסט פאַראַנען אָט וואו נאָר מען גיט זיך אַ דריי. אַ ראיה: דאָ, אינ'ם קעלער, ביסטו מיט ישראל'ן דיין קינד און אַז איך גיב מיט דער בייטש אַ טראַסקע — זאָגסטו: „וואויל געטראַסקעט, ישראל!"

(דערלאַנגט דריי פריילעכע קנאַקן מיטן בייטש און לאַכט הויך)

וועל'מיר טון אונדזער מלאכה אַזויערנאָך. מיר'ן נעמען פראַנק'ס גולמ'ל, דעם מלך־אביון, און מיר'ן אים אַריינלייגן ס'שם המפורש'ל אין מויל און זאָל ער ס'ביסל חיות באַקומען און זאָל ביי זיך גרויס ווערן פראַנק, זיין טאַטע.

שפּעטער-צו, אַז מיר וועלן פון אים צוריקנעמען דעם שם מיט אַ קנאַק פון אונדזער בייטשל, זאָל לעבן, זאָל זיך פראַנק די האָר פון קאָפּ רייסן און זאָל מען אויבן און אונטן וויסן, אַז ביי ישראליקן איז ער נישט קיין מאַכער.

(הויבט זיך אויף, טרעט צו גאָר נאָענט צום גולם, שלעפּט אים פון טראָן אַראָפּ, נעמט אין האַנט, באַקוקט אויפמערקזאַם, און שטעלט אים דערנאָך מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אויף דר'ערד).

נו, יאָלעפּ איינער, געזען ווי איך טאַנץ? טאַנץ אויך אַ ביסל! קאָנסט נישט? פראַנקס בהמה'לע נעבעך! אַודאי, פאַרוואָס זאָלסטו קאָנען? אַז פון גאָט ביסטו נישט, נאָר פון אַ בשר־ודם. מאַכט דוד המלך: וויל גאָט נישט בויען אַ הויז — האָבן אומזיסט געהאָרעוועט די בויער. (מאַכט איבער'ן גולם השבעות. מען זעט ווי ער איז ממשיך המשכות — ציט אַראָפּ כוחות אויבערשטע — מיט דער בייטש. ער שעפּטשעט עפּעס מינוטן-לאַנג, ביז דאָס וואונדער געשעט: דער גולם עפנט צוויי שמאָלע אויגן-ריטשקעלעך. באַוועגט שוואַך מיט די פיס און כאַפּט זיך אָן דעם בעש"טס פּאָלע).

בעש"ט: נו, גולמ'ל, שוין אָפּגעגולמט?

ג ו ל מ ל : (מיט א פינסטער פנים) לאָך נישט פון מיר, הערסט? נישט גאָט האָט מיך באַשאַפן, נאָר אַ מענטש, ווי איך. דער נייער מענטש בין איך. אַ מענטש פון מענטש באַשאַפן.

ב ע ש " ט : וואָס איך זע! אַזוי גאָר? גייסטו דאָך גאָר אין גדולות! אַבי איך האָב פון דיר חוזק געמאַכט! זע נאָר, זע! וואָס איז מיט דיר? רעדסט דאָך גאָר! און אויגן האָסטו אויך! וויזשע, אַ שטייגער, רופט מען דיין טאַטן?

ג ו ל מ ל : (שטאָלץ) כ'ווייס נישט. ווי מען רופט אים ווייס איך נישט. נאַכט ביי נאַכט האָט ער דאָ געהאָרעוועט איבער מיר — אַ מענטש איז ער — אַ מענטש ווי איך — אַ גאָט ווי איך — אַ גאָט —

ב ע ש " ט : דיין טאַטע איז, זע איך, גאָר נישקשה פון אַ מכשף! אַ וואוילער בעל־מלאכה, נישט צום פאַרזינדיקן! נאָר צום רבונו־של־עולם, מענטשעלע, קומט ער נישט! (שאָקלט מיטן קאָפּ) ער האָט נישקשה איבער דיר געהאָרעוועט, זאָגסטו? אַודאי, מען זעט דאָך, גולמ'ל —

ג ו ל מ ל : (באַליידיגט) גולמל! וואָס פאַר אַ גולמל בין איך דיר? קוק מיך אָן. איך בין דאָך אַ מענטש. איך רייד דאָך. איך קוק. איך בין אַ מענטש ווי דו. ניין, מער ווי דו... איך בין דער נייער מענטש, וואָס מענטש איז זיין טאַטע.

ב ע ש " ט : אַודאי, ביסט נאָר אַ ביסל צו קליין. ווען נישט דאָס —

ג ו ל מ ל : (קראַצט זיך) פאַרשטייסט? דיך האָט גאָט באַשאַפן, און מיך — אַ מענטש. און אויב דער מענטש האָט מיך באַשאַפן איז ער דאָך אַ גאָט. און איך בין אויך אַ גאָט. וואָס? נישט אמת?

ב ע ש " ט : אַודאי, קינד, פאַרוואָס נישט? ביידע זענט איר געטער. רייד ווייטער, מענטשעלע, רייד...

ג ו ל מ ל : (פאַרטרוילעך) ווייסט? כ'האָב ערשט מיט אַ מינוט צוריק נישט גערעדט. כ'האָב ערשט מיט אַ מינוט צוריק נישט געזען. כ'האָב נישט געקאָנט געבוירן ווערן. אַ מאָדנע זאַך! מיין טאַטע האָט גרויס פאַרדרוס געהאַט. איך האָב דאָס געפילט, פון מיין ליים אַרויס האָב איך דאָס געפילט. מיין טאַטע האָט רק

געוואַלט, איך זאָל מיך אַריר טון. ער האָט געוואַלט, איך זאָל הויבן אַ פּוס, אַ האַנט. איך זאָל ריידן, טון, לויפן, וויינען, לאַכן. נאָר ס'פּייכטע ליים האָט נישט געלאָזט. צינד ביסטו געקומען און האָסט גענומען אָפּשפּעטן פון מיר. בין איך געוואָרן בייז. בין איך פון די כּלים אַרויס. ס'האָט מיך אויפגעקאָכט. איך האָב פון כּעס מיך אַ טרייסל געטון אויף מיין טראָן. און מיט אַמאָל: איך לעב. דער טאַטע ווייס דאָך נאָך גאָרנישט, אַז איך לעב. גיי זאָג אים. זאָל ער קומען, כ'וויל אים זען. צינד לעב איך, פאַרשטייסט? פון גרויס בייזקייט איבער דיר בין איך לעבעדיק געוואָרן. נאָר ס'חיות אַליין, ס'קערנדל, האָט פאַרזייט אין מיר ער, מיין טאַטע... דער גאָט...

בעש"ט: (לאַכט) ס'וואָלט דיר אַ סך געהאָלפן דיין בייזערניש, שוטהלע, און דיין טאַטנ'ס האָרוואַניע, ווען נישט דער שם! ס'מינדסטע יֶש'ל, נעבעך, רעדט זיך איין מי-יודע וואָס. עך, די גאוה, די גאוה!

(קרעכצט גוטמוטיק, גלעט דאָס גולמל איבערן קאָפּ).

גולמל: (וויל גיין, מאַכט אַ פּאָר טריט, אָבער פאַלט אום, שלאָגט זיך אָפּ אָן דר'ערד און וויינט).

בעש"ט: (הויבט אים אויף) מענטשעלע, מענטשעלע, נישט וויין. אַז דער טאַטע וועט קומען צוגיין, וועט ער דיך אויסלערנען ס'ביסל גיין. נעבעך, אַ בהמהלע! וואָס זאָל מען טון? ס'ט'עלטער ווערן אַ ביסל — וועסטו מיט'ן טאַטנס הילף זיך אויסמענטשלען. דו וואַרט נאָר אַ קאַפּעטשקע — וועט, כ'לעבן, אַלץ וואויל זיין.

גולמל: (וויינט כּסדר) וואַרטן וויל איך נישט! כ'וויל שוין! און קיין קליינער וויל איך אויך נישט זיין! גיין!

בעש"ט: ס'טעלערל פון הימל, וואָס?

גולמל: כ'וויל טאַנצן! כ'וויל פליען! כ'וויל מיך אויפן קאָפּ שטעלן! (קוקט זיך אַרום, זעט ס'פייער) אין רעכטן מיטן פייער וויל איך טאַנצן! אין מיטן העלן פייער! (ציט צום פייער די ליימענע הענט) איך וויל, מיינע הענט זאָלן גאָלד ווערן! גאָלד זודיקס, קלינגענדיקס! גאָלדענע הענט וויל איך! זינגען וויל איך! רוישן!

טאַנצן! ווער מאַכט מיר רויטע קאָכעדיקע הענט? מיין טאַטע וואו איז? גיי רוף מיין טאַטן!

בעש״ט: (זעצט אים צוריק אַרויף אויפן טראָן).

גולמל: (וויינט) וואָס האָסטו געטאָן? נעם מיך אַראָפּ, מענטש. איך וויל אַרונטער. איך קאָן שוין מער נישט זיצן. איך קאָן נישט.

בעש״ט: כ׳לעבן, פאַרוואָס זאָלסטו עפּעס נישט קאָנען? ביסט דאָך עפּעס פון סאַמע שטייסל, אַ? אַ קליינינקייט, אַזאַ באַ־שעפעניש, ווי דו!

גולמל: דו לאַכסט פון מיר.

(דרויסן פאַרן קעלער דערהערן זיך טריט).

בעש״ט: (האָרכט אויף) וואָס ווייניסטו? ביסט אַ נאַר. הערסט טריט, צי ניין? אָט גייט דיין טאַטע — ווערט דיר אָבוישן די ליימענע טרערן דיינע.

(פון דרויסן הערט זיך, ווי דער שווערער טיר־שלאָס ווערט אויפגע־רינגלט. בעש״ט שאַרט זיך אַוועק און גייט פאַרלוירן אין דער קעלער־פינס־טערניש, צווישן אַלטע שוואַרצע פעסער. אויף די טרעפּ פון קעלער ווייזט זיך פראַנק. שמעקט עפּעס אין דער לופטן, ווי אַ פרעמדע מאַכט, אַ באַהאַלטענע, שפּי־רנדיק. נאָכדעם בלייבט ער פאַר׳ן פייער שטיין, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט).

פראַנק: נישט געטאָרט אָפּטרעטן! אַרויס אויף אַ שעה — און שוין נישט דאָס זעלבע. וואָס? ווי אַזוי? נאָר ס׳האָט זיך געענדערט. ווער איז ער? ווי זעט ער אויס, דער, וואָס ראַנגלט זיך מיט מיר? עמיצער געפינט זיך דאָ. דער קעלער איז מיין שלאַכט־פעלד. אויפן לעצטן שלאַכט־פעלד שלאָגט זיך מיט מיר עמיצער. איך ווייס נישט ווער, ווייס נישט ווי, ווייס נישט ביז וואַנען.

(פויזע).

דער גרויסער ברודער? די גרויסע שוועסטער? (לאַכט) זיי האָבן נישט געהאָלפן. זיך נישט אָפּגערופן, קיין צייכן נישט געגעבן. ווער האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זענען דאָ? איינער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי געזען. עפּעס אַ ישׂשכר. און איך האָב געגלויבט. אין מיר האָט ער געגלויבט, — האָב איך געגלויבט

דערפאַר אין אים און אין זיין זעונג. זיי האָבן נישט געהאָלפן, דער ברודער מיט דער שוועסטער. און דער אַלטער אלישע איז געהרגעט געוואָרען, געהרגעט... און די בעלי־קבין האָבן זיך אויסגעלאַכט... און אויב צו מיר האָט זיך שבתי געוויזן מיט די זייניקע און מיך געבענטשט — וואָס איז פון זייער ברכה געוואָרן?

(פויזע).

און דער מלך פון אדום האָט געגאַרט. און מיין אייגענע טאָכטער? — מיין שונא׳ס איז זי. וואָס זענען מענטשן? כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט מיט זיי מאַכן. האָב איך גענומען אַלץ מאַכן אַליין. אויף כּוחות אויבערשטע אויפגעהערט צו וואַרטן און אויף כחות אונטערשטע: אַלץ — אַליין. פון ערגעץ אַ מלכים־הערב פּאַר־שאַפט זיך, אַ קרוין אַנ׳אייגענע געלאָזט זיך שמידן, נאָך ברודער און שוועסטער דענקמעלער צוויי געשטעלט, ווי מצבות ווייסע, אַ פּאַלאַץ זיך געקויפט אין אָפּנבאַך אונטער יאָזעפ׳ס נאָז — כאַ־כאַ... און צינד וויל איך, קעניג געמאַכטער, מיט אייגענע הענט מיר מאַכן דאָס, וואָס איך דאַרף: דעם מענטש. (לאַכט ביטער) נישט געקאָנט האָט דאָס מאַכן מיין טאָכטער חוה, אפשר וועל א י ך דאָס מאַכן בעסער... כאַ־כאַ... ווייבער... אָדער גאָרנישטן געבוירן זיי, אָדער ממזרים. צוויי גאָרנישטן האָט מיר געבוירן חנה, אַ ממזר־קינד — חוה... כאַ־כאַ, ווייבער־טראַכט... גיי וואַרט, ביז אַ ווייב וועט עפּעס רעכטס געבוירן! (שטילקייט) מיט קראַפט פון אייביק־לעבעדיקן פייער, מיט אַלטן שפּראַך, מיט צויבער־וואָרט, גיי א י ך אַ קינד געבוירן, דאָס נייע מענטשן־קינד, איך אַליין, איך איינער. משוגע? וויל איך נאָך משוגענער ווערן... (שטילקייט) פאַרוואָס לאָזט נישט די לופט אין קעלער? זי בייזערט זיך איבער מיר. דאָס פייער זינגט אַזוי, ווי ס׳וואָלט פון מיר חוזק געמאַכט. ס׳לאָזן די ווענט נישט. ווי ס׳האָבן די אלוהים אין גן־עדן דעם מענטש געקנאָטן — אַזוי קנעט איך מיין מענטש פון זאַמד און ליים. אויפן פייער־פלאַם האַלט איך אים שעהן־לאַנג, באַשווער דעם פלאַם — און ליים בלייבט ליים אַלץ. מיין מענטש זיצט אָן ריר אויפן טראָן, מיין מענטש וויל מענטש נישט ווערן...

(פאַרדעקט מיט די הענט ס'געזיכט. שטייט אַזוי אַ פּאָר מינוט. גייט דער־נאָך צו מיט שטיל־יאושדיקע טריט צום טראָן. דאָס גולמ'ל נעמט רעדן צו אים. פראַנק עפנט ברייט די אויגן און בלייבט שטיין צומישט).

ג ו ל מ ל : (שטרעקט די הענט) טאַטע, איך לעב! טאַטע, נעם מיך אַראָפּ! איך וויל אַ קול פון פייער! איך וויל הענט פון גאָלד! איך וויל טאַנצן! איך וויל לויפן! איך קאָן דאָ מער נישט זיצן!

פ ר אַ נ ק : לעבסט? רעדסט? וואָס? און דו זעסט? אַ שעה צוריק, אַז איך בין אַרויס, האָסטו פינסטערע, פייכטע צווייַ לעכער געהאַט — און איצט אויגן? איצט האָסטו אויגן? מיט אַ שעה צוריק האָב איך שטאַרע הענט געלאָזט, שטאַרע הענט און פיס ווי די דראָטן — און איצט שטרעקסטו הענט צו מיר, איצט צוקן די קני דיינע? (הויבט ביידע הענט) אָ, וועמען זאָל איך דאַנקען? וועמען לויבן? כ'קאָן תפילה טון צו זיך נאָר אַליין! צו זיך אַליין דאַרף איך דינען, זיך אַליין געבן לויב. אויף קני פאַר זיך אַליין דאַרף איך פאַלן. כ'האָב באַשאַפן דעם מענטש. כ'האָב באַשאַפן דעם נייעם מענטש. מיין מענטש לעבט. ער לעבט!

ג ו ל מ ל : (שטיל) יאָ, ביסט אַ גאָט. האָסט מיך באַשאַפן. איך בין אויך אַ גאָט. אָבער נעם מיך אַראָפּ פון דאַנען. נעם באַלד אַראָפּ. איך וועל נישט אויסהאַלטן.

פ ר אַ נ ק : וואָס ציטערסטו אַזוי? דו ערשטער פון נייע דורות, וואָס וואַרפסטו זיך אין פיבער? וואָס קנייטשן זיך דיינע הענט אַזוי, וואָס וואָסערן די אויגן? וואָס פעלט דיר?

ג ו ל מ ל : כ'האָב דאָך געזאָגט. אַז דו הערסט מיך נישט. הענט פון גאָלד וויל איך! הענט פון גאָלד, וואָס זידט, גאָלד, וואָס קלינגט, גאָלד, וואָס רוט נישט! איך וויל טאַנצן, לויפן, דרייען זיך, אומפליען, פלאַטערן, ציטערן, פייערן, פייערן...

פ ר אַ נ ק : דאָס מאַכט מען נישט אַזוי גיך, מיין זון. וואַרט. איך האָב לאַנג געאַרבעט איבער דיר, ביז דו ביסט גע־וואָרן לעבעדיק. דאָס ערשטע מאָל איז אַ מענטש געוואָרן ווי גאָט צו וויסן די געהיימנישן, צו שאַפן פון גאָרנישט לעבן און צו פורעמען אין זיין אייגן געשטאַלט. דער אמת'ער גאָט... דער באַ־

האַלטענער... וואָס דאַרף איך אים איצט? וואָס דאַרף די וועלט אים? איך דאַרף נישט די זינד און דאַרף נישט די שטאַרקייט, דאַרף נישט קיין ברודער און דאַרף נישט קיין שוועסטער, דורך זיי אים צו דער־גרייכן, דורך זיי אים אַנטפּלעקט צו מאַכן. רעכט אויף אים! רעכט! רעכט! זיך באַהאַלטן, זיך אויפדעקן נישט געלאָזט — זאָל ער בלייבן אין באַהעלטעניש, אין נעפּל פון זיין איינציקייט, אין נעפּל פון זיין אמת, אין נעפּל פון זיין גוטסקייט. איצט ווייס איך אַליין. איך אַליין קאָן ווערן דער גוטער גאָט. מיין זון, באַשאַפן וועל איך אַ נייע וועלט מיט דיר, פון דאַנען, פון דעם קעלער, ווען זי זיך אָנהויבן, ווי ס׳האָט די אַלטע וועלט זיך אָנגעהויבן פון תוהו־ובוהו און וואַסער. כ׳האָב דיך לעבן געמאַכט, איצט דאַרף איך נאָר דערגיין, ווי אַ ז ו י דו זאָלסט לעבן — אַ קליי־ניקייט — איך דאַרף עס נאָר דערגיין — וואַרט...

ג ו ל מ ל: (אין שרעק און פאַרצווייפלונג).

נאָך וואָס האָסטו געדאַרפט מיך? נאָך וואָס? אַמער וואָלט איך בלייבן אין פייכטן ליים, אין שטילן ליים, און רוהיק־שטי־לער היים... וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? וואָס פאַר אַ זיצן איז דאָס? מוזן צוקוקן, ווי ס׳פייער זינגט, ווי ס׳פייער הויבט זיך, ווי ס׳פייער טאַנצט — און אַליין נישט קאָנען טאַנצן, אַליין נישט קאָנען זינגען, אַליין נישט קאָנען זיך אויפהויבן! דו שלעכטער!

פ ר אַ נ ק: ס׳האָבען אַזוי פיל דורות אויף דיין קומען געוואַרט — און דו ק אָ נ ס ט נישט וואַרטן?

ג ו ל מ ל: איך קאָן נישט! איך וויל נישט! איך גלויב דיר שוין נישט! גאָלדענע הענט גיב, קלינגענדיקע פיס גיב, אַ לייב גיב, אַ פייערדיקס! גיב באַלד! גיב גלייך! נישט — פאַרוואַנדל צוריק אין ליים! צוריק אין ליים! צוריק אין ליים! נעם צו פון מיר מיינע יסורים!

(וויינט, דעם קאָפּ צווישן די קני).

פ ר אַ נ ק: (קוקט לאַנג אים אָן).

דער נייער מענטש ווערט געבוירן אַזאַ וויינענדיקער? אַזאַ צוטרייסלטער? וואָס?

(פון הינטער די שוואַרצע פעסער רוקט זיך אַרויס אויף שפּיץ פינגער

דער בעש"ט. ער שטעלט זיך ווי אַ שאָטן הינטער פראַנקס פּלייצעס, הויבט אויף די בייטש, טוט מיט איר אַ שאָטנדיקן פּאָך אין דער לופט און ווערט אַנטרונען אין דער פינסטער. פראַנק דרייט זיך אום, זעט נישט קיינעם, ווארפט צעטומלטע בליקן אויפן גולם, אויף די טרעפּ, אויפן פייער).

ד ע ם  ב ע ש " ט ס  ק ו ל : (פון טיפן קעלער אַרויס).

תּאסף פָּנֶיךָ — יִגְוָעוּן. ס'גולמ'ל מוז שטאַרבן. וויאָ ! (אַ קנאַל מיט דער בייטש).

פ ר אַ נ ק : (ציט אויס די הענט). ווער איז ? ווער רעדט ?

(האָרכט זיך איין. טויט-שטילקייט).

ג ו ל מ ל : טאַטע... וואָס איז דאָס ? טאַטע !... האַלט מיך צו... איך שטאַרב... (דער טיש ציטערט אויף, דער טראָן פאַלט אום, דאָס גולמל פליט אַרונטער און בלייבט ליגן אויף דר'ערד).

פ ר אַ נ ק : אָפּגענאַרט... ווידער אָפּגענאַרט... ווידער נאַר... (קוקט אויפן גולמל). געשטאָרבן... ליגסט... אַזוי איז געלעגן אַמאָל אלישע... נישט איך האָב דיך לעבעדיק געמאַכט, דו ליים, דו שטיק ליים... און נישט איך האָב געטויט... אַנדערע... איך ווייס נישט... דער אמתער גאָט... צוקומען צו אים — נישט... אַליין ווערן גאָט — נישט... גאָרנישט... וואָס וויל ער ? וואָס באַהאַלט ער זיך ? אַ גוטער איז ער דאָך... אַ גוטער... פאַרוואָס זעט מען אים נישט ? פאַרוואָס זע איך אים נישט ? פאַרוואָס אַזוי ווייט ? ווען ווערט ער אַנטפּלעקט ? ווען ווערט זי אויסגעלייזט, זיין וועלט ? מיט גוטן — נישט... מיט בייזן — אויך נישט... טאָ ווען ? ווי ?

(דאָס פייער אין מיטן קעלער ווערט טונקל, בליצט אויף פאַרן טויט, ווי אַ זון, און שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ).

(פון ערגעץ שווימט און וויגט זיך געזאַנג — שטיל, ווייס-וואָלקנדיק, הַלְלויה'דיק).

ד ע ם  ב ע ש " ט ס  ק ו ל : (פון דער פינסטער).

ד י  ו ו ע ל ט  א י ז  ס י י - ו ו י  אַ  ג ע ה אָ ל פ ע נ ע — ע ר ראַ ט ע ו ו ע ט  ז י  ז י ב ן  מ אָ ל  אַ מ י נ ו ט.

נ י י  מ אַ כ ן  ד אַ ר ף  מ ע ן  ז י  נ י ש ט — נ י י  מ אַ כ ט  ע ר  ז י  אַ ל י י ן  ז י ב ן  מ אָ ל  אַ מ י נ ו ט.

אין באַהעלטעניש שפּילט ער זיך נישט. ער איז פאַראַנען, ער איז צום געפינען. ער איז אָט דאָ, אָט־אָ־דאָ;

צווישן די פינגער האַלסטו אים זיבן מאָל אַ מינוט, זיבן מאָל אַ מינוט.

**סוף פון פינפטן בילד.**

# דאָס זעקסטע בילד.

פראַנקס הויף אין אָפּנבאַך. טעראַסן צום מאַין. אַנ׳אַלטער צווייטשטאָקיקער פּאַלאַץ. ווייסע קאָלומנאַדן. אין הויף ביים ברונעם — צוויי סטאַטועס, וואָס שטעלן פאָר דעם גרויסן ברודער און די גרויסע שוועסטער, שטייענדיק פּרצוף קעגן פּרצוף. דרויסן פאַר די קאָלומנאַדן זאַמלט זיך אַ המון פראַנקיסטן. אַ סך יונגע פּנימער. פון פּאַלאַץ קומען אַרויס צוויי אַלטע פראַנקיסטן — די לעצטע געטרייע דינער פראַנקס — מיט לאַנגע מגילות אונטערן אָרעם, וואו עס שטייען פאַרצייכנט די ווערטער פון האַר. דער ערשטער איז ירוחם, דער הויכער זקן, דער צווייטער — פראַנצישעק וואָלאָווסקי.

ירוחם: יֶלֶד יוּלַד לָנוּ — אַ קעניג־קינד האָ׳מיר געהאַט, איז זיין נאָמען געווען עמנואל, זיין קאָפּ ווי די זון, זיינע הענט — בלויע בליטן, טאַצן פון זילבער — זיינע פיס, און ער איינגאַנצן מלכות!

פראַנצישעק: דאָס קינד איז געווען אַ נס, דאָס קינד האָט זון געהאַט אויפן פּנים. דאָס קינד איז געווען אַ נס, דאָס קינד איז ערשטער געווען פון אַ דור. און נישטאָ דאָס קינד. און אַוועק דאָס קינד. אַוועק ווי אַ קול, אַוועק ווי אַ ווינט — —

ירוחם: געדענקסט, פראַנצישעק? דאָס קינד איז שוין אומגעגאַנגען, דאָס קינד האָט רייד גערעדט, דאָס קינד האָט זוניקע רייד גערעדט, דאָס קינד האָט קעניג־הויט געהאַט און קעניג־הענט, קעניג־בלוט און קעניג־בליקן... נייע מענטשן וואָלטן פון זיין שטאַם אויפגעשפּראָצט און מקוים וואָלט געוואָרן דער פאַרלאַנג פון האַר. דאָס קינד איז געווען אַ מלכ׳ס אַ קינד, אדום מיט יעקב איז געווען אין די בלוטן דעם קינדס —

פראַנצישעק: און געדענקסטו, ירוחם? די האָר דעם קינדס זענען ווי פרילינג־גראָז געווען, ווי ערשטע גרעזעלעך אין גראָבן, און ס׳איז מיט זיי געוואַקסען די האָפענונג פון דער וועלט.

דאָס קינד איז געווען די נייע בשורה צו ערד-געבוירענע. זיי אָבער (ווייזט אויף די איבריקע) האָבן ווידערשפעניקט — און דאָס קינד איז געשטאָרבן. (דער עולם פון אָרום די סטאַטועס דערנענטערט זיך צו די זקנים).

אַ יונגער פּראַנקיסט: די האָפנונג איז געווען אַ שאָטן. דאָס קינד איז געווען ווי אַלע קינדער.

אַ פּראַנקיסטין: מיין קינד איז שענער געווען — און עס איז אויך געשטאָרבן.

פּראַנצישעק: (מיט איכה-ניגון). וויי, וויי... אַמאָל אין טשענסטאָכאָוו... די אַלטע ברידער און שוועסטער... וועמען אַרט, ווער קוקט זיך אום? די נערות האָט אַוואַטשאַ פאַנאַנדערגעלאָזט, דאָס קעניג-קינד איז אַוועק פון אונדז, דאָס וויגל שטייט ליידיק. דער האַר האָט זיין צאָרן אויסגעגאָסן אויף אונדז. די שוועסטער — קיין שוועסטער נישט, די ברידער — קיין ברידער נישט. די שוועסטער לאַכן פון דעם האַר און די ברידער ווידערשפעניקן. חוץ אונדז — ווער איז געבליבן? מיר מאָגערע שאָטנס, מיר שימל-ברויט פאַרדאַרטס.

ירוחם: און קיינער פון אייך זינדיקט נישט, ווי מיר אַלטע האָבן געזינדיקט, און אַ סך נייע זענען צווישן אייך, וואָס ווייסן גאָרנישט. וואו איז די שולדיקייט אייערע און וואו די עבירה אייערע? איר באַגייט עבירות — און נישטאָ קיין עבירה דערין. און ווי די פעלקער אַרום — אַזוי זענט איר. וואו די ימים-טובים אונדזערע, ווען מיר פלעגן דורך דער פרוי זינגענדיק גיין צום שלאַגג? ווי ברויט עסט איר פרוי, ווי פראָסט ברויט, און אָן כּוונות אייער תאווה, אייער יחוד — רויך, אייער זינד אָן זינד. אַמאָל, אַז מיר פלעגן אָן זינד צו זינדיקן, ווי די אַנדערע — פלעגט קומען דער האַר אונדזערער און זאָגן זיין וואָרט אונדז, פלעגט דאָס וואָרט אַריין אין אונדז ווי פיילן. איר אָבער רייט אייך אויף פערד איבער אָפּנבאַך, מאַכט אויפ'ן פלאַץ איבונגען, פוצט זיך די שווערדן, דרייט זיך ליידיק, הערט נישט די ווערטער פון האַר און וואַרט אויף די פעסלעך גאָלד, וואָס דאַרפן אָנקומען פון די ברידער אין אַלע לענדער. ווען נישט די

טרייסט, אַז ס׳מוז אַמאָל דאָס קינד געבוירן ווערן ווידער און קומען אין אַ ניי געשטאַלט צום סוף פון די טעג —

אַ פראַנקיסטין: דאָס קינד איז געשטאָרבן און וועט נישט קומען ווידער. נישט איצטער און נישט צום סוף פון די טעג. און אַ גרויסן קאָפּ אַ מיאוסן האָט געהאַט דאָס קינד, און קיילעכדיקע אויגן ווי מוטנע ברונעמלעך. פראַנק אַליין האָט דאָס קינד פיינט געהאַט, און איר זאָגט: אַ וואונדער! אַ וואונדער!

אַ צווייטע: דאָס קינד איז טויט. דער אַלטער וויל נישט אַרויסגיין. מיר ווייסן נישט וואָס ער קלערט, מיר הערן נישט וואָס ער זאָגט. מיר הערן נאָר אייך. מיר זעען נאָר אייך. דער אַלטער — זעלטן ווען ער ווייזט זיך. ווי אַ שאָטן גייט ער דורך און רעדט קיין וואָרט נישט. צו זיין חדר אין אויבערשטן שטאָק לאָזט ער צו נאָר אייך, איר זקנים, און פון אונדז אַלע ווענדט ער זיין פּנים אָפּ.

אַ דריטע: און ווי לאַנג איז שוין אַוואַטשאַ אויס אַוואַטשאַ? זי איז ווי איינע פון אונדז. אַ ממזר איז געווען איר קינד און איר לייב איז הפקר צו מאַליוודאַן, ווי ער איז פריער געווען הפקר צום קייזער.

ירוחם: אַז די כּלי אַוואַטשאַ איז צובראָכן געוואָרן, איז נאָך געבליבן דער וויין: דאָס קינד אירס. האָט דער האַר זיך אָפּגעווענדט פון קינד און זיין חסד אָפּגעטון פון אים — איז דאָס קינד געשטאָרבן, איז דער וויין אויך נישטאָ. און פאַר וואָס איז דאָס געשען? פאַר וואָס האָט דער האַר געצאָרנט? ווייל איר זענט נישט ווערט געווען! דאָס קינד אָבער איז דאָס ריכטיקע קינד געווען, דער וויין און דאָס וואונדער דער וועלט׳ס —

אַ יונגע פראַנקיסטין: נאָר די מאַמע, כאַ־כאַ... די מאַמע איז נישט געווען די ריכטיקע, ס׳וואָר?

אַ יונגער פראַנקיסט: די כּלי איז קיין כּלי נישט געווען, דער וויין — קיין וויין נישט. ווער מיר כּלי? וואָס מיר וויין? פאַרפירט און ממזר!

אַ צווייטער: אין זיין חדר מיט די הויכע רויט־

געמאָלענע ווענט זיצט פראַנק באַטריבט, ווייל נישט אָנקוקן די טאָכטער, שעלט מאַליוודאַ'ן, ווייל נישט הערן פון די זין, וואָס אין וואַרשע, פון ראָכ'ן און יאָזעפ'ן, און פון דעם אַלעמען — וואָס באַקומט זיך? ס'העלפט נישט דאָס שעלטן מיט דער שנאָה מיט דעם באַטריבונג. און דאָ אין הויף שטייען די שוועסטער און דער ברודער קעגן־אַנאַנדער, גלאָצן זיך אָן ווי הון און האָן און וויסן פון גאָרנישט צו זאָגן!

(דער המון לאַכט בייז).

אַ ד ר י ט ע ר: מיר וואַרטן און מיר וואַרטן, נישט צו וויסן אויף וואָס. דאָס גאָלד האָט אויפגעהערט אָנצוקומען, קיינער וויל נישט גלויבן אין דעם האַר און מיר זענען אָרעם. צו וואָס טראָגן מיר נאָך די פאַרביקע קליידער?

אַ פ ע ר ט ע ר: מיר ווילן אַוועק פון אָפנבאַך, מיר ווילן אַוועק פון אָפנבאַך! (אַ טומל. דער המון, מענער און פרויען, רינגלט אַרום די זקנים, רייסט זיי ביי די פאָלעס, שלעפט די מגילות פון אונטער זייערע אָרעמס, טייטלענדיק מיט די פינגער און שרייענדיק: סריסים! סריסים! אויפן פלאַץ ווייזן זיך מאַליוודאַ און אַוואַטשאַ. אַוואַטשאַ זעט אויס געעלטערט. דער המון ווערט ביסלעכווייז שטיל. די זקנים הויבן זיך אַרויף אויף די טרעפ פון פּאַלאַץ און פאַרשווינדן קרעכצנדיק מיט די מגילות אונטער די אָרעמס).

מ אָ ל י ו ו ד אַ: וואָס ווילט איר פון די זקנים?

ד ע ר ה מ ו ן: מיר ווילן אַוועק פון דאַנען!

מ אָ ל י ו ו ד אַ: וואָס זענען שולדיק די אַלטע שאַרבנס? שרייט צו פראַנקן. רופט אים אַרויס. זאָל ער זיך ווייזן פאַר אייך!

ק ו ל ו ת: גערעכט!

מ אָ ל י ו ו ד אַ: פרעגט אים און זאָל ער אייך זאָגן: וואָס שלעפט ער אייך אום איבער לענדער? נאָך וואָס האָט איר אין געפענגעניש געשמאַכט, מיט אייגענע ברידער קריג געפירט, מיט בייזע ביסקופן צו טאָן געהאַט און אויף ירידן זיך אַרומגעשלעפט, וכוחים געפירט מיט בלייכע רבנים? וואָס האָט ער אייך געגעבן פאַר דעם אַלעמען? רופט אים אַרויס און שטעלט אים צום משפט!

דער המון: צום משפט!

אַוואַטשאַ: צום משפט רופט אים אויך אַוואַטשאַ, זיין אייגן קינד.

מאַליוודאַ: קוקט זי אָן! אַוואַטשאַ'ן האָט ער אויפן קאָפּ אַ שטיקל גאָלד אַרויפגעזעצט און איינגערעדט זי צו זיין די יונגפרוי. אַ קרוין אויף אַ קאָפּ, וואָס איז אַליין אַ קרוין! צום קייזער פון ווין האָט ער זי געשלעפּט, פאַר זיין טראָן געהייסן קניען, און אַז דער קייזער איז אַוועק און האָט איר אומשולד זיך צוגענומען אָן אַ פּרייז, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים, און זי, די באַרויבטע, האָט געוויינט — צי האָט ער נישט פאַרשאָלטן די טאָכטער?

זי — וואָס איז זי געווען פאַר אים? אַן אָפּ־בילד פון אַ חלום. נישט מער! איר — וואָס זענט איר געווען פאַר אים? אַ בריק און ווייטער גאָרנישט! ער איז געגאַנגען צו זיין חלום אי־בער אייך!

אַוואַטשאַ: האָט ער געטרויערט, ווען מיין קינד איז געשטאָרבן? האָט ער מיט אונדז דעם קינדס קערפּער אַרויסבאַג־לייט אַהין, וואו עס וואוינען די טויטע? איז ער כאָטש אַריינ־געקומען זען עס, ווען ליכט האָבן געברענט מיין קינד צוקאָפּנס און עס איז געלעגן ווי אַן איינגעדאַרט צווייגל מיט פאַרוועלקטע בלעטלעך פון הענט און פיס? און אַז איך האָב געוויינט איבער מיין קינד — ווער ווייס אים, צי האָט ער כאָטש אַ טרער פאַר־לוירן דאָרט, צווישן די הויכע ווענט פון זיין צימער? זעלטן נאָר און פון דער ווייט פלעגט ער וואַרפן אַ בליק אויף מיין קינד און מיט שנאה פלעגט ער פאַרבייגיין און אָן אַ שמייכל צו טון, ווי עס וואָלט אים טרויעריק געמאַכט דאָס מינדסט פינגערל פון מיין זון און ווי די הענטלעך מיין קינד'ס וואָלטן צובראָכן זיין לעבן.

קולות: וואָס האַלט מען אונדז דאָ? זאָל ער געלט געבן, דער אַלטער! מיר מוזן אַוועק פון דאַנען! געלט זאָל ער געבן, געלט!

מאַליוודאַ: רופט אים אַרויס! זאָגט אַז איר דאַרפט אים! ווי לאַנג וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן? (באַוועגונג).

דער לץ: (טאַנצט אַראָפּ פון די מאַרמאָר־טרעפּלעך פון פּאַלאַץ).

אַ, אַ! אַ גוט־יום־טוב אייך, רבותי! אַ גוט־יום־טוב! וואָס טוט מען? וואו קריגט מען עפּעס אַ שטאָך אַרבעט, דאָס ביסל ליצנות צו דערהאַלטן? נישט אויסצוהאַלטן מיטן אַלטן! ער האָט זיך דאָך אַפילו פון דעם אייגענעם לץ באַהאַלטן!

קולות: לץ! פּגע־רע! מען דאַרף דיך נויטיק האָבן! געפונען די צייט!

לץ: שאַט, שאַט! אויב איר ווילט, רבותי, קענט איר גראָד ביים לץ אַרויסבאַקומען אַ טייערן סוד! אַ סוד! אַ סוד! מיר האָבן אַ גרויסן גאַט!

קולות: אַ סוד? וואָס פאַר אַ סוד? ווי קומט צו אַ לץ אַ סוד?

לץ: פאַראַן אונטערן פּאַלאַץ אַ קעלער, ברענט איך מיר דעם קאָפּ: ווי מאַכט מען דאָרט העלער? וואָרום ס'איז דאָרט הושך־מצרים. נאָר קלער היינט, קלער מאָרגן, אַז ס'איז גאָרנישט שייך מאַכן העלער, וואָרום פאַרשלאָסן איז דער קעלער. אָבער טאַקע אינגאַנצן פאַרשלאָסן. עס וואָלט אייך געוואַלדיק פאַר־דראָסן, ווען איר זאָלט וויסן, ווי איך, וואָס אין קעלער געפינט זיך.

קולות: זאָג! זאָג! מוזט זאָגן!

מאַליוודאַ: דער לץ מאַכט אַ פּנים, ווי ער ווייס עפּעס.

אַוואַטשאַ: ער לאַכט פון אונדז.

דער לץ: (שעלמיש) וואָס דאָרט איז? אָט זאָג איך אייך: הינערשע פיס, שפּינוועבס פון אַ טויטער שפּין, אַ גרויע האָר פון אַן אַלטער בתולה, זייער איידל און דין, אַ לונג־און־לעבער פון אַ שכור, און דער עיקר — —

המון: פּלאָנטער נישט, פּאַסקודניאַק! אַרויס מיט דער צונג! דו ווייסט עפּעס!

ל ץ: און דער עיקר — דאָס, וואָס איר אַלטע וואָלט שטאַרק געוואָלט: פעסלעך, פעסלעך, פעסלעך געלד!

אַ קול: יישר-כּח, לץ! (באַוועגונג).

קולות: געלד! געלד! איר הערט? פעסלעך געלד! דער לץ האָט אויסגעזאָגט! געלד!

אַיונגער פּראַנקיסט: (שרייט אַרויף צו פּראַנקס פענסטער) פּראַנק, גיב אָפּ דאָס געלד — פאַרלאָזן מיר אָפּנבאַך! הערסט?

(ווערט אַרומגערינגלט פון המון, וואָס שרייט מיט אים צוזאַמען).

המון: (רעוועט) אַהער דאָס געלד — גייען מיר אַוועק פון אָפּנבאַך!

איינער: (פּלוצלינג, מיטן פּנים צו די סטאַטועס ביים ברונעם) זעט, זעט! דער ברודער מיט דער שוועסטער! דער ברודער מיט דער שוועסטער! (אַלע דרייען אויס דעם קאָפּ צו די סטאַטועס).

אַ פרוי: וואָס פאַר אַ שוועסטער? אַ קעפּס-ווייב!

אַ צווייטע פרוי: דער ברודער איז ברוגז!

אַ דריטע: וואָס איז?

אַ פערטע: אַ זאַ קעפּס-ווייב דאַרף ער נישט! ער וויל אַ לעבעדיקע!

(ווילד געלעכטער).

איינער: אַ יושר זי אַ ביסל אַ שטופּ-צו-טון צו אים! אַ רחמנות אויפ'ן ברודער...

אַן אַנדערע: אַז דער ברודער איז אויך אַ גוטער גולם!

קולות: ביידע שלימזל'ס! דאַרף מען זיי ביידע צורוקן צו זיך!

(טומל, פייפעריי, געלעכטער. דער המון וואַרפט זיך אויף די סטאַטועס ביים ברונעם. בשעת מען ברעכט די סטאַטועס קומט אַרויס פּראַנק. בלייבט מאַיעסטעטיש שטיין צווישן די קאָלומנאַדן, בלייך, און זיין רויטער טראַכט און גרינעם טורבאַן, מיט אַ פּאַפּוגיי אין דער האַנט. ציטערנדיק און איינגעבויגן גייען אים נאָך די צוויי זקנים).

דער לץ: (צו מאַליוודאַ'ן, טייטלענדיק אויפן פּאַפּוגיי) מיט וואָס בין איך, לץ, ערגער אָט פאַר דעם פּאַפּוגיי? איז ער אפשר אַזאַ אַי-אַי-אַי? עך, שלעכט! איך זוך אַרבייט — ערשט נישטאָ

וואָס! כ׳מוז האָבן אַן אַנדער בעל-הבית! מאַליוודאַ-לעבן, האַר! דינג דו מיך פאַר אַ נאַר! (קניט פאַר אים).

מ אַ ל י ו ו ד אַ: (שטויסט אים אָפּ, לויפט אַוועק, לויפט גיט אַ קוויטש, לויפט אַוועק און פאַרשטופט זיך אין אַ ווינקל).

ה מ ו ן: אַהאַ! אָט איז ער! (טרעטן אָפּ פון די סטאַטועס, רינגלען אַרום מאַליוודאַ׳ן).

פ ר אַ נ ק: (אויף אַ דיסטאַנץ, מאַיעסטעטיש) ברעכט! איר האָט אָנגעהויבן ברעכן — פאַרוואָס דערברעכט איר נישט?

מ אַ ל י ו ו ד אַ: ביסט אָבער אַראָפּ! האָסט געמוזט!

ד ע ר ה מ ו ן: אויף אונדזער געשריי! האָסט געמוזט! ציגיינער!

פ ר ו י ע ן - ק ו ל ו ת: פאַרפירער!

ד ע ר ל ץ: (פון ווינקל אַרויס) אַז איר שרייט סתם, איג-גאַנצן נישט צום גראַם...

אַ ו ו אַ ט ש אַ: מיין קינד שרייט צו דיר פון דער ערד!

פ ר אַ נ ק: וואָס האָב איך געטון דיין קינד?

אַ ו ו אַ ט ש אַ: מיט דיינע שלעכטע אויגן האָסטו מיר עס אָבגעקוילעט!

פ ר אַ נ ק: אָפּגעקוילעט? צו וואָס האָט מען עס געדאַרפט, דיין קינד? וויניק קינדער?

אַ ו ו אַ ט ש אַ: (מיט טרערן): צו וואָס? דיין טאָכטער׳ס קינד איז עס דאָך געווען! דיין טאָכטערס! אַוואַטשאַ׳ס!

פ ר אַ נ ק: מיין טאָכטער׳ס? וויניק טעכטער? האָב איך געדאַרפט אַזאַ טאָכטער? נישט אַזאַ טאָכטער האָט פראַנק גע-מיינט. נישט אַזאַ קינד האָט פראַנק געוואָלט. ערגעץ האָט מען מיך אָפּגענאַרט. ערגעץ האָט מען מיך אויסגעלאַכט. (פויזע) דער מענטש איז גאָרנישט. אַפילו זינדיקן קען ער נישט. עלנדער שבתי-צבי! וואָס בלייבט פון דיין כ ו ל ו - ח י י ב?

י ר ו ח ם: (מיט אַ ציטערדיק, אַלט קול) אָן זינד, האַר אונד-זערער... אָן זינד זינדיקן זיי, האַר... וועט אפשר נאָך דאָס קינד צוריקקערן, אין דורות אַרום זיך זיי באַווייזן — דאָס קינד — דאָס קינד —

פ ר אַ נ צ י ש ע ק: וועט אפשר נאָך אין דורות אַרום, אין דורות ווייטע, זיך ווידער וויגן דאָס וויגל זיינס... אויפלייכטן זיין אויגן-פּאָר... אויפהילכן דאָס קול זיינס...

פ ר אַ נ ק: (בייז) דאָס קינד! דאָס קינד! וואָס פאַר אַ קינד? יאָזעפ׳ס ממזר!

י ר ו ח ם: (אויפן פּאַפּוגיי חייזנדיק) שיין איז דער פויגל אין דער האַנט דיינער, האַר! אַז איך קוק אויף די גרינע פעדערן — דערמאָנט זיך מיר גרינס, שבועות, אַקדָמות, פּאָדאָליע...

פ ר אַ נ צ י ש ע ק: און מיר — אַ רעגנדל אויף פעלדער אין וואָלין... גרין... וואָלינער רעגנדל, וואָלינער פעלדער...

(ביידע זקנים חייכצן).

פ ר אַ נ ק (קוקט זיי אָן): אַלטע משומָדים! און פון זייער האַר וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? אַן אַלטער משומד! און פון דעם מענטש — וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? גאָרנישט. וואָס איז ער? אַ חיה? אַ מלאך? גאָרנישט. (פויזע, שטילשווייגן, אַלעמענס אויגן — געווענדט צו פראַנקן) איך האָב מיך געיאָגט נאָך אַ גרינעם פויגל. זיינע פעדערן בליען, זיין קול איז זיסער, ווי דאָס קול פון פרויען. דעם פויגל נישט געכאַפּט, אין זיינע אויגן נישט אַריינגעקוקט. אַ פּאַפּוגיי האָב איך געטראָגן מיט זיך, איך זאָל בעדענקען אָן דעם גרינעם פויגל, דעם פאַרבאָרגענעם. און אַ טאָכטער האָב איך געהאַט — צום אונטערשטן אָנדענק פון דער פרוי דער אויבערשטער. איצט, זקנים, דאַרף מען דאָס נישט. מ׳דאַרף ביידע נישט. (דערלאַנגט דעם פּאַפּוגיי ירוחמען) אַלטע פּאַפּוגייען זענען די משיחים!

י ר ו ח ם: און דו האָסט דאָך דעם פויגל ליב געהאַט, האַר, און דו פלעגסט דאָך אים שפּייזן פון דיין האַנט אַרויס. און דו האָסט דאָך אים געלערנט פסוקים נאָכצוזאָגן. און איצט ווילסטו נישט קוקן אויף אים, האַר, איצט איז ער דיר נישט וואוילגעפעלן... (טראָגט אָפּ, קרעכצנדיק, דעם פויגל. פראַנצישעק קוקט אים נאָך און וויינט).

אַ ו ו אַ ט ש אַ: (צו פראַנצישעקן) זקן דו, וואָס וויינסטו איבער

אים? פרעג, צי האָט ער געוויינט, ווען זיין טאָכטערס קינד האָט די אויגן פאַרמאַכט!

מאָליוודאַ: (וויזט אויף די האַלב-צעבראָכענע סטאַטועט) די צווײ ווייסע אָפּגעבערעקלטע שאָטנס דאָרט — פאַרוואָס העלפן זיי דיר נישט, שאָטן פון אַ משיח?

פראַנק: (נאָך אַ מינוט שווייגן) זיי האָבן אָנגעהויבן ברעכן — און — דערברעכן האָבן זיי נישט.

מאָליוודאַ: אינגאַנצן צובראָכן, אָדער נישט — וואָס פאַר אַ חילוק פאַר אַ שאָטן ווי דו, וואָס ווערט געמשפּט?

פראַנק: נאַר, אַזוינער איז דער מענטש. וואָלט ער כאָטש ביז צום סוף געבראָכן!

מאָליוודאַ: דער מענטש?

פראַנק: איך! איר! אַלע!

ירוחם: (קומט צוריק) דער פויגל האָט גאָרנישט געזאָגט.

פראַנק: ער האָט דען עפּעס געזאָלט זאָגן?

ירוחם: איך האָב גערעכנט.. איך האָב געמיינט... דיין פויגל איז עס דאָך... ס'האָט דאָך געקענט עפענען אַ מויל אויפן וועג און עפּעס זאָגן דיין קנעכט.

פראַנק: זאָגן? וואָס?

ירוחם: אַ וואָרט כאָטש... אַ וואָרט פון האָפנונג...

פראַנק: און ווי אַז קיין האָפנונג איז נישטאָ?

(די זקנים לאָזן אַראָפּ די קעפּ. דער המון לאַכט)

דער המון: (צו מאָליוודאַן) גאָלד! ער האָט פעסלעך גאָלד אין קעלער — און מיר שטייען דאָ! טייל אונדז פונאַנדער זיין גאָלד, מאָליוודאַ!

דער לץ: (מיטאַמאָל פון ווינקל אַרויס) גאָלד שבגינגאָלד, זאָג איך אייך. פאַרנעמט אַן אויג מיט אַ באַקצאָן, פרעגלט זיך אויף דער לבנה!

(אַלע קוקן זיך אום).

אײנער: (לויפט צו, כאַפּט אָן דעם לץ ביים קאַרק) פּגע-רע, אפשר וועסטו שוין אויפהערן זיך מישן, צו אַלדע שוואַרץ יאָר?

אוועק פון דאַנען, לץ, וועסט סיי־ווי קיין חלק נישט קריגן.
(פאַריאָגט דעם לץ פון פלאַץ).

מאַליוודאַ: (צום המון) איר מוזט נאָך וואַרטן אַביסל! איצט רעדט מאַליוודאַ מיט פראַנק'ן, דערנאָך וועט מען אַ שמועס טון וועגן אייערע פעסלעך. (צו פראַנקן) אַלטע חשבונות האָב איך מיט דיר. דערמאָנסט זיך, אַלטער, די אינזל, וואו מאַליוודאַ האָט געהערשט איבער די נאַקעטע? אוואַטשאַס מוטער האָב איך דאָרט דערזען צום ערשטן מאָל —

אַוואַטשאַ: (רויט און פאַרחלומט): מיין מוטער...

פראַנק: (הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אָן מאַליוודאַן מיט שווערע שטאָלצע אויגן) מאַליוודאַ, דם־שונא, איך ווייס אַלץ. (פויזע) דער מענטש איז גאָרנישט. זעסט? איך קאָן אַפילו מיט דיר ריידן אַזוי, ווי איך וואָלט דיך נישט פיינט געהאַט אַ טויט־פיינדשאַפט און ווי דו וואָלסט נישט געווען דער, וואָס האָט אויף מיין ווייב געלויערט יאָרן־לאַנג, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט מיט פאַלש־קייט, אַרויסגעגעבן מיך צו די פיינט, צום סוף מיין טאָכטער צוגענומען און מיינע לייט אויף מיר אָנגערייצט... און איך רייד מיט דיר, איך קוק אויף דיר, איך שטיי אונטער איין הימל מיט דיר... פאַרוואָס? גאָרנישט... ווייל דער מענטש איז גאָרנישט...

מאַליוודאַ: לאָז אַביסל זכרונות אָפּפרישן, אַלטער! (ווייזט אויף די אַרומיקע) וואָס ווייסן זיי? (טרוימעריש) דו און זי — צוויי באַקליידטע צווישן נאַקעטע! האָב איך אייך באַפוילן זיך אויסצוטון... און זי, די אויסגעטונענע חנה, איז געווען דער אָנהויב פון מאַליוודאַס אָנטון זיך... דאָס שטיקל ערד אין מיטן ים...

גריך און ייד און מוסולמענער זענען דאָרט געוואָרן גליק־לעכע אונטערטאַנען פון אַן אַנטלאָפענעם פאַלאַק, וואָס האָט אויף ים־געוויש פאַרביטן דאָס גערודער פון מלך פּאָניאַטאָווסקיס הויף און פון דער שליאַכטעס צאַנקערייען! און ס'האָט זיך איבערגע־חזרט דאָס, וואָס מיט יאָרן טויזנטער צוריק.

פון דעם גן־עדן האָט מיך, דער ראש פון די נייע אדמס, פאַריאָגט די תאוה... חנה'ס לייב האָט זי אויפגעוועקט אין מיר.

איז דען געווען אַ לייב ענלעך צו חנה׳ס ? וואָס ווייסן זיי, אַלטער ? אָבער מיר ווייסן עס... (פויזע) פראַנק, איך האָב געקאָנט דאָס ווייב דיינס צונעמען פון דיר און הייסן מיינע לייט דיך אַראָפּלאָזן אין ים אַריין, ווי מען לאָזט אַראָפּ אין וואַסער דעם אַנקער פון אַ שיף. איך האָב עס נישט געטון...

פראַנק: (מיט חוזק) פאַרוואָס ? דערפאַר, מסתמא, ווייל פון בלאָטע ביסטו... נישט מלאך, נישט חיה — גלאַט מענטש, גלאַט גאָרנישט !..

מאָליוודאַ: רשע ! וואָלסט געבילט צו מיר פון ים אַרויס ! ווען כ׳וואָלט מיך געפרייט מיט חנהן דיינער אין דער שטילקייט פון די נעכט, — צו וואָלסטו נישט אַרויס פון אָפּגרונט ווי אַ משוגענער ים־הונט און צו וואָלסטו נישט געשטעלט זיך צווישן מיר און איר ? האָב איך געזאָגט: הינטן־אַרום לאָמיך קריגן חנה׳ן. מיר׳ן זיך טיילן מיט אים אויף גלייך: זאָל ער זי האָבן — נאָר לאָמיר זי אויך האָבן. וואָס דאַרף ער דען וויסן ? און ס׳איז מיר שוין נישט איינגעגאַנגען נישט דער ים, נישט די זון אונדזערע און נישט די פרייליכקייט אונדזערע. הונגעריק און ווילד בין איך — מיט דיר און מיט חנה׳ן —

פראַנק: אַוועק צו די אַנגעטונענע, אמת ? ווייל דו האָסט נישט אויסגעהאַלטן. ווייל גאָרנישט איז אַ מענטש, ווייל קיינמאָל גייט נישט ביז צום סוף אַ מענטש. (ווייזט אויפן המון) מיינסט, אַזוי וואָלט זיי אויסגעזען ? אָ, ווען זיי גייען מיט מיר ביז צום סוף ! אָבער וואָס איז דער מענטש, מאָליוודאַ ? אָנהויב קען ער נישט זיין, סוף האָט ער מורא צו זיין...

ירוחם: (ווי אַן עכאָ) אָנהויב קען ער נישט זיין — סוף האָט ער מורא צו זיין...

פראַנצישעק: דער גרויסער ברודער איז אין כעס... די גרויסע שוועסטער איז אין כעס...

פראַנק: סוף איז מיט אָנהויב פאַרבונדן — האָב איך דעם מענטש געוואָלט פירן דורכן סוף צום אָנהויב. איז דער מענטש אַ מיטן... אַ מיטן איז ער... אין מיטן בלייבט ער... איך האָב געוואָלט, אַז אַלץ, וואָס גוט, זאָל ווערן שלעכט —

כדי צו ווערן בעסער! דער גרויסער ברודער... די גרויסע שוועסטער... איינעם אַ יששכר האָט זיך אויסגעדאַכט: ער זעט זיי... מ'האָט מיך אויסגעלאַכט... ווי די בעלי־קבין — אלישע'ן... אָפּגענאַרט... (זעצט זיך מיט אַ שווער אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף די טרעפּ, וואָס פירן צום פּאַלאַץ).

אַ קול: (אויפגערעגט) גענוג! גיב רעכנשאַפט, פראַנק!

אַ צווייט קול: מאַליוודאַ, צוטייל די אוצרות!

אַ דריט קול: אַוואַטשאַ, שטעל דיך איין פאַר אונדז! אַוואַטשאַ!

אַוואַטשאַ: וואָס ווילט איר?

אַ יונגער פראַנקיסט: שוין פאַרגעסן? דיין טאַטע האָט ליגן גאָלד אין קעלער! ער באַהאַלט די פעסלעך גאָלד פאַר זיך, און אונדז לאָזט ער הונגערן!

מאַליוודאַ: (צו פראַנקן) מען רעדט וועגן אַ פאַרשלאָסענעם קעלער. וואָס האָסטו דאָרט ליגן, אַלטער?

פראַנק: (הויבט אויף דעם קאָפּ; מיט פאַראַכטונג) נישט גאָלד!

מאַליוודאַ: עפּעס אַנדערש?

פראַנק: די לעצטע מפּלה...

מאַליוודאַ: דיין מפּלה? (קוקט אים אָן פאַרגאַפט).

דער המון: עפענען דעם קעלער!

מאַליוודאַ: וואו איז ער, דער שליסל?

פראַנק: (כאַפּט אַרויס אַ גרויס פאַרזשאַווערט שליסל פון הינטערן בוזעם אָפּער און וואַרפט עס פונדערווייט דעם צורעוועטן המון, ווי מען וואַרפט אַ ביין דעם הונט).

קולות: — אַהאַ! איר זעט! אַ שליסל באַהאַלטן, אַ שליסעלע!

— מאַליוודאַ וועט פונאַנדערטיילן דאָס גאָלד מיט יושר!

— מאַליוודאַ, פיר אונדז!

— זאָלסט טיילן גלייך אויף גלייך!

— מיר אַ פעסעלע!

— מיר אויך אַ פעסעלע!

— מיר קומט צוויי!

— מאַליוודאַ!

מאַליוודאַ: (לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ; דענקט־נאָך; קוקט האַלב־פאַרשעמט אויף פראַנקן, באַשליסט דאָך צו טון דעם המונס פאַרלאַנג) קומט!

פראַנק: (צולאַכט זיך) כאַ־כאַ... גאָלד... פעסלעך... אַוואַ־טשאַ, און דו?

אַוואַטשאַ: איך? איך וועל זיי פירן צום קעלער. איך וועל בענטשן זייערע קללות אויף דיר. (צו ירוחמען און פראַנצישעק׳ן) זקנים, קומט מיט!

פראַנק: (צו די זקנים) גייט, נאַראָנים, גייט!

ירוחם: (דערשלאָגן): נאַראָנים רופסטו אונדז?

פראַנצישעק: נאַראָנים זענען מיר?

אַוואַטשאַ: איר זעט? און איר וואַרט נאָך...

(די זקנים וואַקלען זיך. דער המון מיט מאַליוודאַן און אַוואַטשאַ׳ן בראש לאָזט זיך גיין, מאַליוודאַ מאַרשירט שנעל פאָרויס, מיט׳ן שליסל פאָכענדיק, אַוואַטשאַ רעדט עפּעס צום המון און ווייזט מיט די הענט. די זקנים קוקן נאָך — האַלב מיט טרויער, האַלב מיט קנאה, פּלוצלונג לאָזן זיי זיך לויפן נאָכ׳ן המון).

די זקנים: וואַרט! וואַרט! מיר אויך!

(אין המון ווערט אַ געלעכטער, די זקנים שליסן־זיך־אָן אָן צוג. דער עולם דערווייטערט זיך. אויפ׳ן פּלאַץ בלייבט קיינער נישט חוץ פראַנקן, וועלכער זיצט אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ אומבאַוועגלעך, שטאַר, ערגעץ קוקנדיק, די הענט אויסגעצויגן פאָרויס, ווי צום געבעט. עס הויבט זיך אָן צו וועבן אַרום אים אַ טונקלקייט, וואָס פאַרטרינקט ביסלעכווייז דעם גאַנצן פּלאַץ. איינזאַמע בליצן, ווי וואַנדער־נשמות מיט פאַקלען אין די הענט, באַלייכטן אַ שוואַרץ־גרוואַרענעם געוויטער־הימל און פאַרגייען מיט אַ רויט־אויפגעריסן געלעכטער. ווייטע דונערס וואָרטשען, ווי אַלטע הינט. פון דער פינסטער ווייסן זיך אַרויס: די האַלב־צובראָכענע סטאַטועס ביים ברונעם, די קאָלומנעס פון פּאַלאַץ און פראַנקס אויסגעשטרעקטע הענט. אַ בליץ אַ לאַנגער, אַ זיגזאַגישער, קומט צופליען, ווי אַ ריזיקע פלעדערמויז, שוועבט איבער פראַנקן, גיסט אים אָפּ מיט ליכט פון קאָפּ ביז פיס — פראַנק זעט אויס ווי אַנ׳אָנגעצונדענער — דערנאָך ווערט אַלץ כהרף־עין פאַרלאָשן, און פון דער אַרומיקער חשכות הויבט זיך ביסלעכווייז אָן אַרויסצושיילן דאָס געשטאַלט מיט די לאַפּעס).

דאָס געשטאַלט: גוט־שטורעם דיר!

פראַנק: וואָס דאַרפסטו?

דאָס געשטאַלט: האָסט מורא?

פראַנק: אַבויך האָסטו ווי אַ שוואַנגערע פרוי. די ריחות דיינע — ווי פון אַ שטאַל.

דאָס געשטאַלט: כ׳בין מיאוס? כ׳בין גוט מיאוס?

פראַנק: אַוועק!

דאָס געשטאַלט: כ׳בין די זינד. בלוט ווילסטו? כ׳האָב דיר געבראַכט בלוט אין די לאַפּעס (שטרעקט אויס צו אים די לאַפּעס) איך טראָג אין די לאַפּעס בלוט, ווי אין בעכערס. נאַ, טרינק פון מיינע לאַפּעס. איך בין דיין חלום. גיכער!

(שטעלט־אויף די לאַפּעס, ווי דלאָניעס).

פראַנק: מיין חלום? נישט דו!

דאָס געשטאַלט: ביסט אַ נאַר. פון וואַנען ווייסטו, ווי דיין חלום זעט אויס? איך זאָג דיר: איך בין דיין חלום.

פראַנק: נישט דו! אַוועק!

דאָס געשטאַלט: (רוקט זיך צו גאָר נאָנט).

פראַנק! אַוועק! אַוועק פון מיר!

דאָס געשטאַלט: (לייגט אַרויף אויף אים ביידע לאַפּעס, לעקט אים דאָס פּנים מיטן צונג, וואַלגערט זיך אַרויף אויף אים מיטן גאַנצן גוף און ווערגט אים. אַ קורץ, פאַרעקשנט געראַנגל. פראַנק יאָגט דאָס געשטאַלט אָפּ פון זיך. דאָס געשטאַלט טרעט אָפּ און צורינט אין דער פינסטערניש).

פראַנק: (אַווייטער, שווערער דונער) ווען אַזאַ דונער שיסט מיך און דערנאָך קומט אַ בליץ און פאַרברענט מיין טויט לייב אויף אַש!

דער לץ: (קומט צולויפן מיט אַ ליכטל אין דער האַנט) האַר, וואו ביסטו? (דערזעט פראַנקן) אַלע אַוועק. קיינער נישט געבליבן, חוץ אַ לץ און אַ משיח.

פראַנק: דאָס ליכטל אין דיין האַנט — איצט, ווען בליצן ברענען, ווי אויגן פון משוגעים — ווען דונערס האַלטן קוים איין דעם צאָרן זייערן — איצט — אַ ליכטל — דער בעסטער וויץ דיינער, חבר.

דער לץ: נו, אויב דו האַלטסט שוין יאָ פון מיינע

וויצן – טאָ מעג דונערן און בליצן – און איך, ליך, מוז מיט דיר זיצן!

(זעצט זיך לעבן אים. פויזע. ביידע זיצן שטיל, אָנקוקנדיק פון צייט צו צייט איינער דעם אַנדערן).

(ווילד געדודער הינטער דער סצענע. דער ערשטער ווייזט זיך מאַליוודאַ, נאָך אים לויפט צושויבערט אוואַטשאַ. דער המון קומט צוריק. געשרייען און קללות. מאַליוודאַ טראָגט אויף די הענט אַ לענגלעכע גולם-פיגור).

קולות: אַלטער ציגיינער, מיר האָבן גאָרנישט געפונען! האָסט באַהאַלטן דאָס גאָלד ערגעץ אַנדערש! האָסט כישוף געמאַכט.

מאָליוודאַ: (באַלויכטן פון בליצן, פּאַקט ער אין דער לופט מיט דער גולם-פיגור) אָט דאָס האָבן מיר געפונען אין דיין קעלער, מער גאָרנישט. וואָס איז דאָס? אַ מפּיל-קינד?

אוואַטשאַ: אַ זויג-קינד פון ליים (געלעכטער).

פראַנק: (שטעלט זיך אויף) איר זענט נייגעריק? גוט. כ׳קען זאָגן. אַז גאָט האָט באַשאַפן גאָרנישט, אַז גאָט האָט באַשאַפן אייך, האָב איך, אייער האַר דער געוועזענער, יעקב, מיר פאַר-שאַפט כּלים אַלכעמישע און האָב מיר געפּרוווט אַליין באַשאַפן אַ מענטש... אַליין...

מאָליוודאַ: (גיט אַ הויב דעם גולם ווי אַ טויט שטיקל צוף איבער אַלעמענס קעפּ).

אָט האָסטו דיר דיין מענטש... אַזוי זעט אויס דיין אַרבעט...

פראַנק: דרייסיק נעכט האָב איך געוואַכט... די רעטאָרטע האָט געזאָדן... דרייסיק נעכט אין קעלער... אויף דער דרייסיקסטער נאַכט – דאָס גולמל לעבט... און באַלד דערנאָך – דאָס גולמל שטאַרבט... נישט איך האָב לעבעדיק געמאַכט, נישט איך האָב געטויט... ווער?... (פּויזע) אַ שלאָס אָנגעהאָנגען... אַ גראָבן שלאָס... און דאָס שליסל – באַהאַלטן... דאָס קעלער איז אַ קבר.. איר האָט אַ קבר אויסגעגראָבן.. וואָס האַלסטו אין דער האַנט, דו נאַר? וואַרף עס אַוועק...

ירוחם: נישט צום דערקענען איז דעם האָר... רק נאַר... רק נאַר...

פראַנציש עק: אַלע — נאַראָנים!

דער לץ (צופט די זקנים ביים ארבל): אַ נאַר אַהין, אַ נאַר אַהער — אַז מען גיט אַ קלאַפּ אין טיש רופט זיך אָן די שער.

אַוואַטשאַ: מיין קינד, מיין לעבעדיק קינד האָסטו געהאַסט. און דו ביסט געגאַנגען שאַפן זיך אַן אַנדער קינד, אַ טויט קינד, אַ קינד אַ חלום. (רייסט דעם גולם פון מאַליודאַס הענט אַרויס, וואַרפט עס מיט וואוט אין המון) נאַט! טרעט!

(דער המון טרעט דעם גולם).

מאַליודאַ: הערט! מיר וועלן אַוועקגיין. איר גייט?

המון: פיר אונדז!

אַוואַטשאַ: אַוועקגיין? און וואוהין דער וועג?

מאַליודאַ: צו אַ נייעם אינזל דער וועג! אפשר וועט דאָס מאָל אַנדערש זיין!

אַוואַטשאַ: און ווידער נאַקעט?

מאַליודאַ: נאַקעט!

אַוואַטשאַ: (ווי פארשיכורט) נאַקעט! נאַקעט! איר הערט? נאַקעט! (פליעסקעט אין די הענט).

דער המון: נאַקעט!

פראַנק: מיט וועמען גייסטו? אָט מיט די?

מאַליודאַ: מען מוז ווידער אָנהויבן פון אַלטן!

פראַנק: גאָרנישט... וועסט ווידער פאַלן!

מאַליודאַ: פאַרוואָס, אַלטער?

פראַנק: (ווייזט אויף אוואַטשאַ'ן) פריער חנה, איצט — זי. די זעלבע שפּיל, מאַליודאַ!

מאַליודאַ: ווער מיט מיר — נאָך מיר!

אַוואַטשאַ — ווער גייט אין גן-עדן? ווער גייט אין גן-עדן?

(מאַליודאַ און אוואַטשאַ לאָזן זיך אין וועג; אַ טייל עולם גייט זיי נאָך. זיי דערווייטערן זיך מיט יובל, געשריי און געזאַנגען).

אַיונגער פראַנקיסט: (רעדט צום איבערגעבליבענעם עולם)

און מיר — מיר וועלן אַוועקגיין פון דאַנען און וועלן זיך אויסמישן מיט די פעלקער און וועלן זיך באַזעצן אין די דערפער און וועלן פאַרגעסן אין פראַנק'ן און וועלן גיין זונטאָג אין קלויסטער. וועך גייט? ווער וויל? (לאָזט זיך אין וועג; אַ טייל עולם גייט אים נאָך. ווידער געשרייען און געזאַנגען).

י ר ו ח ם: און מיר, וואָס מיר זענען נישט געגאַנגען נישט מיט ערשטע און נישט מיט די צווייטע, מיר וועלן אַוועקגיין פון דאַנען און וועלן זיך אומקערן אַהיים, אין אונדזערע יידישע שטיבער אַריין, און וועלן לעבן בתוך-עדת-בני-ישראל און וועלן אָנצינדן יום-כפור-ליכט, גרויסע יום-כפור-ליכט!

פ ר אַ נ צ י ש ע ק: (צעזינגט זיך יום-כפורדיק) ונסלח לכל עדת בני ישראל, כי לכל העם בשגגה! בשגגה! בשגגה! (אַ סך כאַפּן-אונטער און זינגען מיט).

י ר ו ח ם: איר גייט?

ק ו ל ו ת: מיר גייען! (גייען אַוועק זינגענדיק ימים-נוראים-ניגונים. אידער בלייבן אויפן גאַנצן פּלאַץ נאָר פראַנק און דער לץ).

פ ר אַ נ ק: (צום לץ) און דו? פאַרוואָס ביסטו נישט מיט-געגאַנגען?

ל ץ: אַ לץ האָט נישט וואו צו גיין, אַ משיח — אויך נישט, בלייבן ביידע אַליין.

פ ר אַ נ ק: ביידע אַליין.

(דערווייל לייטערט זיך אויס. איין ברעג הימל הענגט אַרונטער גרינלעך-ליכטיק, ווי אַ קרוין, אויסגעזעצט מיט שמאַראַגדן. אונטער דעם גריגעם פּאַס אימל ציט זיך אַ גרין-באַלויכטענער, שטילער פּאַס וועג. דער וועג איז אַ מינוט פוסט, דערנאָך הערן זיך טריט, עס ווייזן זיך אין גאַנג צוויי פיגורן, ביידע — אין לייוונט-מלבושים, הויכע פויערישע שטיוול און קלומעקלעך אויף די פּלייצעס, די בערד — קרום צעשויבערט אויפ'ן ווינט. פונדערווייטנס זעט מען אַ גוי שלאָפן אויף דער קעלניע מיט אַ בייטש אין דער האַנט. איינער פון די צוויי — אַ זייער הויכער, מיט געלבלעכע צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען — דער נסתר; דער צווייטער — נידעריקער פאַר'ן ערשטן, מיט ברייטע פּלייצעס אין אַ קופּער-גליצנ-דיקן שטערן איבער אַ שוואַרצער באָרד — דער בעש"ט).

ד ע ר נ ס ת ר: אַ נישקשהדיק קפיצת-דרכ'ל — ס'וואָר?

בעש״ט: דער גוי שלאָפט אויף דער קעלניע, ווי נישט אים מיינט מען.

דער נסתר: מיטן בייטשל אין דער האַנט... און ער האָט אַ חלום, ווי ער שטייט און גיט האָבער דעם פערד.

בעש״ט: מ׳האָט זיך אַ קאַפּעטשקע פונאַנדערגעטרייסלט.

דער נסתר: (קוקט זיך אום) אָט איז ער דאָך, דער בחור. (ווייזט אויף פראַנקן) צוליב אים האָבן גלחים דעם ש״ס געבערענט...

בעש״ט: און דער מיט׳ן ליכטל?

דער נסתר: גאָרנישט... אַ לץ... ער שטייט מיט אַ ליכטל און באַלייכט אַ חורבה.

בעש״ט: (צו פראַנקן) העי, דו! מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין וועג... ווי גייט מען דאָ אַרויס?

פראַנק: איך האָב אויך פאַרבלאָנדזשעט.

בעש״ט: מיר ווייסן.

פראַנק: ס׳האָט זיך דאָ געקליבן אויף אַ שטורעם. נאָר ס׳איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. זיך אויסגעלייטערט.

בעש״ט: מיר ווייסן.

דער נסתר: מיר קומען פון פּאָדאָליע, קומען מיר.

פראַנק: איך בין אויך פון פּאָדאָליע.

בעש״ט: אין פּאָדאָליע איז איצט ליכטיק.

פראַנק: ליכטיק?

דער נסתר: (ווייזט אויפן בעש״ט) אָט דער האָט ליכטיק געמאַכט.

פראַנק: וואָס וויל ער? וואָס ווילט איר?

בעש״ט: גאָרנישט. אַ יישר-כח.

פראַנק: וואָס דאַנקסטו?

בעש״ט: ווען דו מאַכסט נישט אַזוי פינסטער — וואָלט איך נישט געקאָנט מאַכן ליכטיק.

דער נסתר: וועסט שטאַרבן.

בעש״ט: האָסט אָפּגעטון דאָס דייניקע.

פראַנק: (פאַלט אויף די טרעפּ) יאָ... עס גייט ערגעץ... איך

זע... פֿאַרלעש דאָס ליכטל, לץ... מ׳דאַרף שוין נישט... ליכטיק... דער גוטער גאָט... ער גייט... ער איז אַ פשוטער... מען דאַרף צו אים דורך היילן פון שלעכטס נישט גיין... ער גייט אַליין... ער קומט... ער איז נישט קיין באַהאַלטענער. אָט איז ער דאָך... אָט גייט ער... אָט איז ער...

(שטעלט זיך אויף מיט די לעצטע כּוחות, שפרייט אויס די הענט, ווי־ ער וואָלט געגאַנגען אַנטקעגן גאָט. פאַלט אום און בלייבט ליגן אויסגעצויגן אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ).

בעש״ט און דער נסתּר (בויגן זיך איבערן קערפּער).

דער לץ: (לעשט אויס דאָס ליכטל).

דער שטורעם איז אַריבער, דאָס ליכטל פאַר־לאָשן, דער מענטש ליגט — און גאָט איז געקומען.

פאָרהאַנג.

1926-27.